## „די דריי מתנות פון י. ל. פרץ“

עס קומט, אָן ספק, אַ גרויסן ישר־כוח די גרינדער און די אַלע, וועלכע באַמיען זיך אַרום יידישן פאָלקס־הויז; בשעת אונזערע „ליבלינגע“ זוכן זייער גליק אויף דער פּראָווינץ און ראַטעווען דאָרטן זייערע נשמות פון די ראַקעטס, האָבן זיי מסירת־נפשדיק אויסגעזוכט „די דריי מתנות“ פאַר אונזער פאַרוואָגלטע נשמה דאָ.

וועגן דעם צוזאַמענשפּיל פונם אַנסאַמבל בפרט און וועגן דער צוגעפּאַסטער מוזיק, און בכלל צי מען מעג,—און איבערהויפּט צי מ׳קאָן! — פּרצעס אַ דערציילונג צושניידן פאַר אַ טעאַטער־דערפאָלג, און אויפוויפיל ס׳איז קינסטלעריש געלונגען און אויף וויפיל פאַרשניטן — וועגן דעם אין קומענדיקן אַפּריל „העפטל“, וועלכעס וועט זיין גאַנץ געווידמעט דעם נאָמען פון י. ל. פרץ, צום דרייסיקסטן יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער.

נ. ב. כ׳וויס? אפשר וועט זיך מיט „די דריי מתנות“, — ס׳איז דאָך פאַרט פרץ! — לויטערן און זיך אָפּראַטעווען אַ פאַרוואָגלטע נשמה, פאַר פיין יידיש טעאַטער — כ׳מיין די זינגערין פונם „גוטן מלאך“. ש.

---

## 30־טער יאָרצייט פון י. ל. פרץ

מיר וועלן זיך באַמיען דעם ניסן־חודש, אין וועלכן אונזער גרויסער שרייבער י. ל. פרץ איז נפטר געוואָרן, אונזערע שבת־נאָכמיטאָג־פּראָגראַמען אויסצופילן מיט די שאַפונגען פון אונזער גרויסן נפטר. פאַר דעם צווייטן טאָג חוה״מ האָט פריינט פון יידיש לשון גענומען אַ ספּעציעלע פאַרשטעלונג פון „די דריי מתנות“.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

(אין גרענד־פּאַלעי, קאָמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער).

שבת, דעם 3־טן מערץ, 27־יאָר רויטע אַרמיי. ס׳באַטייליקן זיך דאָראַ דימענט, אליהו פּאָלושאַק, אייזיק גאָלדבערג א.א.

שבת, דעם 10־טן וועט י. ח. קלינגער האַלטן אַ פאָרטראָג: געדאַנקען פון אַ יידישן זעלנער אין אַ וואַכנאַכט.

שבת, דעם 17־טן: פּרצעס פאָלקסטימלעכע און חסידישע דערציילונגען.

שבת, דעם 24־טן, די טראַדיציאָנעלע שבת־הגדול פייערונג.

שבת, דעם 31־טן, אַ גרויסע פרץ־פייערונג צום דרייסיקסטן יאָרצייט.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאָוועל סטריט, א.1.

פרייז 1/-

לאָנדאָן-ווייטשעפּל
אַפּריל 1945 — נומער 63

# י. ל. פּרצ׳ס 30טער יאָרצייט

---

## צו דער 30־טער יאָרצייט פון י. ל. פרץ

.1

גאַנץ אויפגייענדיק אינם פאָלק, מיט־קעמפנדיק זיין שווערן קאַמף, מיענדיק זיך פאַר זיינע קולטורעלע און טאָג־טעגלעכע הצטרכותן, אַראָפּנידערנדיק אין דער טיפעניש פון דער יידישער נויט,—בטל ווערנדיק אין איר און זי מבטל זייענדיק! — איז פרץ קולט אין זיך די נשמה פון יידישן פאָלק; מיט די מאַסן גייענדיק, דעם פּראָסטן האָראָפּאַשנעם מענטש ליבקריגנדיק, ווערט ער דער קולטיווירטסטער און דער פּראָבלעמאַטישסטער פון אונזערע קלאַסיקער...

האָט מענדעלע מוכר ספרים זיך אַראָפּגעלאָזט שרייבן פאַרן פּראָסטן פאָלק, שלום־עליכם שרייבט וואונדערלעכע דערציילונגען פון אים, האָט פרץ, זיך אַראָפּלאָזנדיק אין זיינע מעמקים־פינסטערנישן, אין זיינע קעלער־שטובן־אָפּגרונדן, עס דערהויבן מיט זיך, און געשריבן פון די סודותדיקע פאַרבאָרגענישן, פון די עמקותדיקע טיפענישן פונם יידישן פאָלק —

י. ל. פרץ האָט דערזען, פנים אל פנים, די פאַרוואָגלטע נשמה פון זיין אומה! אָ, יענע וואונדערלעכע פאַרוואונדעטע טורטל טויב, פון די יידישע חורבות אַרויס, האָט וואָרקנדיק און וויטאָגדיק באַשוועבט זיין געניאַלישצעשויבערטן קאָפּ, און זיך איינגניאָזדענדיק דאָרט, האָט זי פון זיינע גרויסע אויפגעריסענע אָדלער אויגן אַרויסגעקוקט מיט בענקעניש און מיט דערבאַרעמען, און אין זיין צעפלאַטערט האַרץ האָט זי אויסגעקלאַפּט מיט אירע פאַרמאַטערטע פליגל דעם געבראָכענעם, דעם כאָרכלדיקן, אויסגייענדיקן ריטם פון אַן אויסטערליש שטאָלץ פאָלק, וואָס גייט־אויף תמיד אויף קידוש־השם.

און דערפאַר דאָס מאַיעסטעטיש־געניאַלישע, דאָס קעמפעריש־זיגערישע, דאָס עקשנותדיק אויספירערישע—דער גרויסער כאַראַקטער־צוג אין פּרצעס שאַפונגען! און גלייכצייטיק און באותו הרגע דאָס טויבן־גוטע, דאָס טוליענדיק ליבלעכע, דאָס הכנעהדיק פאַרגעבנדיקע—דער גלעטנדיקער אָדלער־בליק פונם יידישן גאון!

און דאָס איז טאַקע דער געניאַלישער אונטערשיד פון פּרצעס פּאַטאַלאָגיש קראַנקן שמייכל אין זיינע טויט־ערנסטע דערציילונגען צו מענדעלעס סאַטיריש־געזונטן אָביעקטיוון רעאַליזם, צו שלום־עליכמס סוביעקטיוו־יידישלעכן צעלאַכטן הומאָר — ס׳איז דאָס משוגע־שמייכעלע שוין צו זיך אַליין, אינם קאַמף מיט די סתירהדיקייטן אין זיך! ס׳איז דאָס זעלבע אינדיווידועל דואַליסטישע אין פּרצעס קאַלטן רעאַליזם געמישט מיט זיין גליאיקן מיסטיציזם — ס׳איז די פּסיכיש קינסטלערישע אויפלעזונג פון סיבה ומסובב, פון אורזאַך

און ווירקונג, בשעת די געשעענישן גופא שאַפן זיך, פונקט ווי ס׳געשעט די פיזישע אויפלעזונג בשעת די נאַטור שאַפט! ס׳איז דאָס ספּעציפיש ידישע — ד׳ער אייביקער געראַנגל פונם מענטשלעכן דואַליזם אינם פילאָזאָפישן אחד . . . אָן אַנדערע אויפפאַסונג פון קונסט איז עבודה זרה! איז אָדער פאַרהאַרטעטער טויטער רעאַליזם—יענע פּלאַסטיק פון „לא תעשה לך סמל״! — אָדער ס׳איז שוין איבערקולטיווירט און ס׳ווערט דעקאַדענט; עס הערט אויף די גייסטיקע פאַרבינדונג פונם ראַפינירטן קינסטלער מיט דער תמימות פונם האָרעפּאַשניק. פּרצעס פאַרליבטקייט אינם פאָלק איז דאָס נתעלה ווערן פון אים און די גאולה פון אונזער גלות־נשמה.

ווען דער עכטער שעפערישער מענטש ווערט אַזוי איינס מיט זיין פאָלק, אַזוי לייבהאַפטיק באַהעפט און מיט אַלע האַרצנס פעדים פאַרקניפּט, באַקומט זיין שאַפן די אינערלעכע און טיפע דבקות פון זיין פאָלק. און נישט נאָר באַקומט עס קינסטלערישע פאָרעם אין אים — זיין גאַנצע הויה איז זיך מצמצם אין אים, אין זיינע התלהבות־פלאַמען לייטערט זי זיך—די פאַרשוויגענע סודות שמידן ווידער זיך און קלינגען אויף, אין פריש־געקניפּטע גין־גאָלד גלעקלעך, אין דער אויסגעלאָשענער אלמנה־קרוין פון דער ידישער שכינה —

פּרצעס מעלאָדישקייט און ריטם איז זיין אָפּגעהאַקטער זאַץ, וואָס דערציילט זיך ווייטער, ווי די כסדר איבערגעריסענע אָריענטאַלישע מעלאָדיע, וואָס זינגט אַזוי אין דער איבערגעריסענער ידישער אייביקייט; עס זיינען די קאַראַוואַנען־גלעקלעך, וואָס וועקן אויף די וואַנדערער אין זייער ווייטן וויסטן וועג, זיי זאָלן די אויגן אויפהייבן און דערזעען איבער זיך די וויזיע — די פאַטאַ מאָרגאַנאַ!

און איז דען נישט פּרצעס „מעשה בתוך המעשה״ דער „טויזנט און איין נאַכט״ ווייטער געצויגן אַזוי אין אונזער נע ונד, אין דער אומענדלעכקייט? . . .

און דערפאַר איז פּרץ אין דער ידיש־פאָלקסטימלעכער געשיכטע, די חסידישער מעשה, אָנגעפילט מיט מענטשלעכער און קאָסמישער אין־סופיקייט — איבער אַלע גרעניצן פונם האַרץ גיסט זיך זיין שטימונג, זיין מעלאָדיש געפיל; און דער וועלטלעכסטער מאָטיוו ווידער, ביי פּרצן, איז פול מיט ידישן מסירת־נפש, אַדורכגעזאַפּט מיט דם־התמצית פון קדוש־השם. אין זיינע שלימותדיקע דערציילונגען קומט פּרץ צו צום מקור הבריאה, צום שורש היצירה, וואו די וואָרצלען פון אַלע ברואים טרעפן זיך זייגנדיק ביים זעלבן קוואַל — וואו טויט און לעבן באַגעגענען זיך אין דער אייביקייט . . .

.2

פּרץ, דער ליבהאָבער פונם לעבן, מיטן תאוהדיקן חוש פאַרן גענוס פונם לעבן, י. ל. פּרץ, פון וועלכן דאָס גלוסטעניש צום נאַקעטן לעבן האָט זינגענדיק אַרויסגעשפּראָצט פון אַלע זיינע אברים, פּרץ, דער פּוילישער ייד מיטן ברייטן רחבותדיקן געמיט,—ווער ווי ער האָט דערפילט דעם פּראָסט־פּשוטן טייטש



פון „עזה כמות אהבה״? און דערפאַר טאַקע, ווער ווי ער האָט געמאָלן דעם טויט ווי אַ זעלבסטשטענדלעכקייט, ווי אין אַ כאַר אויסזינגענדיקע בענקעניש, ווי אַן אויפשפּראָצנדיקע גלוסטעניש: „דאָס גאַנצע שטעטל ווי איין מענטש האָט זיך געוואונטשן אַזאַ טויט״. („מקובלים).

וואָרים, וואָס איז טויט אין געגנוואַרט פון דער אייביקייט, פּנים אל פּנים מיט דער אומשטערבלעכקייט; אַז וואָס איז פערזענלעכער געניס פון לעבן, אַז מ׳איז משיג דעם תענוג פון מסירת נפש — וואָס זיינען אַלע לעבנס־דערפאַרונגען אַנטקייגן דעם קענען באַשטיין איין איינציקן נסיון? און וואָס זיינען שוין אַלע בילדער און וויזיעס פון לעבן, אַלע שרעקענישן און חושך־כימערן, אַז מ׳דערזעט דעם חזיון בגלוי עינים:

„...עמעץ גייט פאַרביי... אָנגעטון אין ווייסן . . . דאָס פּנים זיינס שיינט, גלייך די שכינה וואָלט דערויף גערוט, אין לשער שיינט עס... און ער גייט פאַמעלעך.

מיר דאַכט, איך הער ווי אַ כלי־זמר שפּילט, גייענדיק, אַ זיסן האַרציקן ניגון! . . .

אָט איז ער פאַרבייגעגאַנגען דער מענטש . . .

— נישט קיין מענטש איז עס געווען — אַ מלאך!

— אַ מלאך?

— אַ מלאך און אַ גוטער מלאך . . . זער אַ גוטער! דער מלאך המות!״— („יוחנן מלמדס מעשהלעך״).

י. ל. פּרץ, דער קלאַסיקער פון דער ידישער ליטעראַטור, וועלכער שטאַמט פונם פּוילישן ידנטום, פון דעם טייל פונם ידנטום וואָס איז אַזוי געוואַלטיק עומד בנסיון געווען; פּרץ, דער טיפער בעל־מרגיש, דער גרויסער קינסטלער, תופס זייענדיק אין זיך די אָנונגען, די שפּירונגען, פון דעם וואָס וועט קומען, דאָס וואָס מיר אַלע וועלן אויסשטיין, פאַרמענדיק אין זיך די קומענדיקע אימות און פחדים, האָט זיך אין אים, אין זיין שעפערישן־און אין זיין אהבת־ישראל התלהבות, אויסגעלייטערט די יראת הרוממות פונם ידישן פאָלק.

דאָס וואָס קיינער פאַר אים, אַלע מחקרים פונם מיטלאַלטער, אַלע משכילים ביז אים, האָבן נישט געקאָנט מיטן שכל משיג זיין, מיט רעיון זיך מצייר זיין,—דעם שאָטן פונם שאָטן קוים דערזעען! — האָט דער דיכטער און קינסטלער י. ל. פּרץ אַזוי געגוי עס דערזעען און אַזוי דייטלעך און בולט עס אויסגעמאָלן, מיט אַזאַ פאָטערלעכע ליבע עס באַוויזן יעדן איינעם פון אונז מיט אַזאַ „...וואונדערלעך זיסע ליכט!״ מיט „אַזאַ בלאָע ליכטיקייט, ווי די זיילן, וואָס לאָזן זיך אַמאָל, זומער־צייט, משופּע אַראָפּ פון דער זון אין שטוב אַריין דורך אַ פענסטער״.

„די זייל, זעט מען בחוש, באַשטייט פון קליינע, ליכטיקע טראָפּן, און יעדער טראָפּן יאָגט זיך בליצנדיק אַרום אין דער זייל...״

און יוחנן מלמד דערגייט אין זיין צער, אין זיין לויטערן עקסטאַז, אין זיין

פניה־לאַזיקייט, אין זיין התבטלות הגשמיות צו דער מדרגה פון נבואה — — — אויף דער גרעניץ פון טויט און לעבן, פון אויפהערן און געבוירן ווערן, אינם חבלי־לידהדיקן באַשאַף וואו מיסטעריע און רעאַליטעט לעזט זיך פיזיש אויף און באַהעפט זיך אין פסיכישן תוהו ובוהו — — —

מיט פרצעס שלימותדיקער דערציילונג איז ווידער געשען דאָס נס, דאָס קשה כקריעת ים־סוף־וואונדער, פון ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בנבואתו:

„. . . פאַליעס שלאָגן! איינשלינגען ווילן זיי מיך... נאָר איך קען שווימען! איך לאָז מיך אַראָפּ און שווים אַרויף, און בין ווייטער אויבן אָן! טיילמאָל ווערט שטיל דער ים; ער ווערט שיין, ריין און קלאָר ווי דער הימל.... און מיין נשמה באָדט זיך אין פריש מחיהדיק וואַסער; זי גליטשט זיך ווי איבער אַ שפּיגל, מיט תענוג, מיט חן... און דאָס וואַסער וואַשט זי אַרום, רייניקט זי אָפּ פון אַלע פלעקן, מיט די שוואַרצע עולם־הזה־פינטעלעך!

און ריין און הייליק ווערט די נשמה".

און דאָס אַלץ געשעט,—און איז פאַר אונזערע אויגן אַצינד געשעען מיט די „שוואַרצעסטע עולם־הזה־פינטעלעך", מיט די בלוטיקסטע! ! — אַזוי רוחניותדיק רעאַל, אַזוי מיסטיש בולט, אַזוי אויסטערליש־נאַטירלעך אין „דער שטאָט וואַרשע" . . . אויף „דער פראַנציסקאַנער גאַס" . . .

מיט י. ל. פרץ, מיט דעם דריטן קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער שטאַמט פונם פוילישן יידנטום—פון דעם טייל יידנטום, וואָס איז אַזוי געוואַלטיק עומד בנסיון,—איז די יידישע ליטעראַטור, „די שפחה", ערשט געוואָרן אַן אָנגעזעענער טייל, אַן אייגנאַרטיקער טייל פון דער גרויסער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

א. נ. ש.

משה עובד

## פון חדר בעפרייט!

(פון בוך „אין חדר אַריין")

געווידמעט צום 30־טן יאָרצייט פון י. ל. פרץ

אידעלעך! ישראל׳יקלעך!
פון חדר בעפרייט!
לויפט, פליט ווי קראַליקלעך,
בעפינקעלט און בענייט.

שאַלט אויס פאַר אַלע קינדערלעך
די בשורה, וואָס קלימפּערט אויך אין אייך;
דערציילט ס׳זעמדעלע, ווי וואונדערלעך,
דערהויבט ס׳שפלות צו דער הויכער הייך!



זאָל עמלק זעען נישט בחינם, בלא דבר,
האָט ישראליקעל פון קאַנטשיג געקריגן געשלאָגן;
ער איז געווען דער ווילן פון האַר,
ער זאָל האָבן צו זינגען, צו זינגען און צו זאָגן.

פון אַלעם בייזן, שטאַרקער פון אייזן,
פון פינסטערן זאַק, פון מרה־שחורה,
אונזער וועלט אויסצולייזן, איר שענקייט צו ווייזן,
צו פערלייכטערן דעם עול פון בורא.

אידעלעך! ישראַל׳יקלעך:
פון חדר בעפרייט!
לויפט, פליט ווי קראַליקלעך,
בעפינקלט און בענייט.

י. ביטש

## דער נייער אבער ביטערער עסק

(די דערציילונג געווידמעט די אומשטערבלעכקייט פון י. ל. פרץ)

ביי אַ קליין טישעל נעבן פענצטער, איז געזעסן אברהם חיים, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, דעם קאָפּ פאַרלעגט עטוואָס אין אַ זייט, פאַרטראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט אויף עפּעס געזוכט אַ תשובה; און פאַר זיך געמורמלט: יאָ, מען מוז מיטגיין מיט דער צייט, ווען נישט קען זי דיך אויפפרעסן; משנה מקום משנה מזל.

זיינע גרויסע, גרויע אויגן, באַדעקט מיט דיקע שוואַרצע ברעמען, זיינען געווען פול מיט חידוש איבער דעם נייעם עסק וואָס ער האָט געשלאָסן מיטן פריץ פונם דאָרף בלינקא, צו נעמען אין אַרענדע די פאַכט. הגם ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. דאָס לעבן אינם שטעטל האָט אים געוויזן אַזוינס, וואָס האָט תמיד געשאַפן פאַר אים ווייטאָק און יסורים. אַ טיפער עקל האָט אין זיין האַרץ זיך געוועקט צו דעם לעבן, ווי בעל בתים זיצן און געניצן, אויסקוקנדיק אויף אַ פאַרדינסטל, וואָס נישט אַלע מאָל האָט עס זיך געמאַכט.

שטיל, פאַרטיפט אין זיינע רעיונות, האָט ביי אים אין גדאַנק געקומען עפּעס דערוואַכן. אַ ווייכער און זאַנפטער שוידער איז איבער זיין לייב דורך, און אַ נאָגענדער ווייטאָק האָט זיך אין זיין מוח איינגעבויערט: וואָס וועט ער טון אין דאָרף אָפּגעריסן פונם שטאָטישן לעבן, מיט אַלע אירע שפּיצלעך און אויבערשפּיצלעך. עפּעס אַ באַהאַלטן נישט פאַרגינענדיק געפיל צו עוזר, דעם קרומען, וואָס הן אין מאַרק, הן אין שול להבדיל, פלעגט ער אים פאַרלויפן דעם וועג. און פרייטיק צו נאַכטס, אין זיין חברה, תמיד זיך רייסן צום עמיד, וואָס

אברהם חיים האָט חזקה דערויף; עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מיט די עטליכע וויאָרסט, וואָס ער דערווייטערט זיך פונם שטעטל, ווערט אָפּגערוקט אַ שטיק פון זיין אייגן לעבן.

אין אַ ווינקל פון די שטוב, אויף דער קאַנאַפּע, איז געזעסן חיה אסתר, זיין צווייטע ווייב, און געהאַט אירע אייגענע חשבונות. איר האָט שטאַרק נישט געגלוסט צו פערלאָזן דאָס שטעטל, און זיך אַליין באַדויערט, וואָס זי, נאָך גאָר יינג ווועט דאַרפן לעבן מיט דער קו און פעלד. ווי וועט זי זיך קענען צופּאַסן צו די נייע אומשטענדן אין דאָרף, מיט צוויי פּיצלעך קינדער וואָס נעמען ביי איר די גאַנצע צייט. עס איז אין איר אויפגעגאַנגען אַ פּאַרדרוס, וואָס אברהם חיים האָט מיט איר קיינמאָל ניט איבערגערדט וועגן זיינע אַנגעלעגנהייטן. עס האָט זיך אַרום איר געוועבט אַ געפיל פון אומרואיקייט, וואָס זי האָט נישט געקענט משיג זיין. מן הסתם איז עס אַ גאָט זאַך, און זיך אַליין געטרייסט, וואָס זי וועט קענען נוצן ברייגען אינם נייעם בעל־בתישקייט . . .

אין דער צייט איז מאָטל, אַ יינגל פון זיין ערשט ווייב, געוואָרן צוועלף יאָר, און געלערנט ביי העשל באָטשאַן, דער בעסטער גמרא מלמד אינם שטעטל. דאָס איז געווען אַ ייד אַ הויכער, דאַר ווי אַ חאַרט, מיט זייער אַ לאַנגן האַלז. מחמת דעם האָט ער שטענדיק געטראָגן אַזאַ מין שאַליקל וואָס ס׳איז שווער געווען צו באַשטימען דעם קאָליר דערפון. ער האָט ווייניק גערעדט און תמיד נאָר געזיפצט. העשל איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אינם נייעם עסק פון אברהם חיים. און פאַרן אַהיים גיין פון חדר, האָט ער אָנגענומען מאָטלען פאַרן האַנט, אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, בשעת ריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין, אַנצונעמען יענעם פאַרן האַנט, פאַרצויגן דעם צעאַקערטן שטערן זיינעם, וואָס האָט אויסגעדריקט ווי אַ בקשה: „מאָטל, די פאָרסט אינגיכן אַוועק פונם שטעטל, זע זאָלסט נישט פאַרגעסן דאָס לערנען; אַ שאָד, אַ שאָד. אייגנטלעך ביזטו אַ גרוסער שגץ, נאָר דו האָסט אַ גוטן קאָפּ. איך וועל נאָך איבערריידן מיטן טאַטן״.

די ווערטער זיינען דעם יינגל געוואָרן אויפפאַלענד און איז מיט אַן אימפּעט אַהיים געלאָפן. די פּאָלעס פון די קאַפּאָטע האָבן ווי צוויי שוואַרצע פליגל זיך צעפּאָכעט בשעתן לויפן; די הענט פאָראויס, האָט ער אויסגעזעען ווי אַ משונה גרויסער פויגל, וואָס פליט צו זיין נעסט. ווען אַ געפּאַר איז נאָענט. אַ פאַרסאַפּעטער און צעיאַכמערט איז ער כמעט ווי אַריינגעפאַלן אין שטוב. דערזען ווי חיה אסתר זיצט אין אַ ווינקל פאַרטון אין זיך, דאָס פּיצעלע קינד אויף דער שויס, טוליעט זיך צו איר ברוסט און זוכט עפּעס, דער פאָטער שטאַרק פאַרקלערט, קוקט אָן אַ ציל אין גאַס אַריין, איז אַ שוידער דורך זיין לייב און געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט. אין שטוב האָט געהערשט אַן אָנגעשטריינגטע שטילקייט און שטאַרק גערייצט דעם שווערן געמיט. און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ בייזער חלום, שוועבט אַרום אין די ווינקלען פונם שטיבל. אברהם חיים האָט זיך ווי פון אַ שווערן שלאָף אויפגעכאַפּט, נערוועאיש געקלאַפּט מיטן



מיטלסטן פינגער אינם טישל און גלאָט אַזוי געפרעגט מאָטלען, צי ער וויל בלייבן ביים פעטער ניסל. דאָס האָט ער געזאָגט, אין אַזאַ טאָן אַז ער אַליין האָט קוים געגלויבט זיינע אייגענע ווערטער.

חיה אסתר האָט פאַרצויגן אירע דינע ליפּן. און אַ זאָג געטון וואָס וועט טאָקע זיין מיטן יינגל. אַ שאָד אים אָפּצונעמען פונם לערנען. מאָטל האָט סיי ווי קיין חשק געהאַט מער צום לערנען, און ביים פעטער ניסל אין שטוב, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען פיל מיט קליינוואַרג, האָט ער נישט געוואָלט בלייבן. אגב, האָט אים געצויגן צום נייעם לעבן . . .

עס איז געווען אָנהייב פרילינג. עס שמעקט מיט פרישע פרילינגס ריחות. ס׳האָבן זיך געשטעלט גאָלדענע טעג, ווי דער מענטש ווערט געכאַפּט אין נעצן פון גרויסע האָפנונגען. אין אַזעלכע טעג האָט אברהם חיים זיך געזעגנט מיטן שטעטל. שווער און פיינלעך איז געווען פאַר אים זיך צו שיידן מיט זיין חברה־לע, וואו ער האָט יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס געדאַוונט און עס מיט אַזוי פיל מי געשאַפן. נאָך שווערער איז דאָס געווען פאַר חיה אסתר. פון גאַנץ אין דערפרי האָט זי דערפילט ווי ס׳פלאַמען איר די אויערן פון עפּעס אַן אויפּרעגונג. אין איר קאָפּ האָט זיך געטראָגן אומקלאָרע בילדער און געדאַנקן, וואָס האָבן איר קיין רו נישט געגעבן. פאַר וועמען אַראָפּצוריידן פונם האַרצן איז נישט געווען. כמעט אַלע אירע פריינט האָבן זי פשוט מקנא געווען, אַ קלייניקייט איבערציען זיך אין אַזאַ רחבות.

• •

די נייע דירה, וואוהין אברהם חיים האָט זיך איבערגעצויגן איז געווען אַ קליינע. דריי נידריקע צימערלעך מיט אַ קיכל. אַ הויף און צוויי שטאַלן פאַר פערד און בהמות. געשטאַנען איז דאָס הייזל אין אַן עק פונם הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ נידריקן פלויט פון געפלאָכטענע ריטלעך. אַ ברייטער גאָרטן האָט דעם הויף אָבגעטיילט פון די אַנדערע איינוואוינער אינם דאָרף. הינטערן הייזל האָט זיך געשפּרייט אַ גרויסע ברייטע לאָנקע, וואו אַ קלאָר שטיל פליסנדיק טייכל האָט עס דורכגעשניטן און זיך אָפּגעשפּיגלט אין די קליינע פענצטערלעך פונם הייזל. אויף דער אַנדערער זייט טייך האָט אַ גרויסער געדיכטער וואַלד זיך געשפּרייט, און ס׳האָט פון דערווייטן אויסגעזעען, ווי די ביימער זיינען צוגערוקט נאָנט איינס צום אַנדערן און מיט ליבע נעמען זיי זיך אַרום מיט זייערע צווייגן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַזוי וועלן זיי תמיד שטיין צווישן הימל און ערד. נאָך קיינמאָל האָט מאָטל געזען אַזוי פיל שיינקייט. אַ צעטומלטער איז ער געבליבן שטיין, קוקנדיק אויף דעם בילד, וואָס ס׳האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט. עס איז אים אין דער זעלבער רגע אַזוי גוט געווען, אַז ער וואָלט געוואָלט די גאַנצע וועלט אַרומנעמען און קושן...

מאָטל האָט זיך שנעל איינגעלעבט אינם דאָרף, גאַנצע טעג פאַרברייגנגן מיט יונגוואַרג. אַממיינסטן האָט אים געצויגן צו די קליינע העלענקאַ, אַ שלאַנק מיידל מיט העל בלויע גוטע אויגן. אַז זיי האָבן אויף עמיצן געקוקט, האָבן זיי

געגלעט און געשטילט יענעמס גרעסטן צער. יעדן פֿאַרנאַכט איז דאָס דאָרף געווען איינגעהילט אין געזאַנג און ער האָט ליב געהאַט צו הערן די לידער און מוזיק, וואָס די שקצים שפּילן אויף די האַרמאָניקעס, און די מיידלעך זינגען און שטאַרק הנאה געהאַט צו זען ווי די טאַנצנדיקע פּויערשע מיידלעך האָבן מיט זייערע נאַקעטע פֿיס צוגעקלאַפּט צום טאַקט. ער האָט שטאַרק מקנא געווען די פּויערשע יינגן, וואָס האָבן געהאַלטן די מיידלעך ביי די טאַליעס און פֿעסט זיי געדריקט צו זיך. עס האָט זיך אים אויך פֿאַרגליסט אַרומצוכאַפּן די שיינע העלענקאַ און זיך לאָזן אין אַ טענצל. אָבער ער האָט עס פֿונדעסטוועגן נישט געטון. ער איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו איר, אַריינגעקוקט אין אירע טיפֿע שיינע אויגן. עפּעס וואָס אַזוינס האָט אַ ריר געטון דאָרט אינווייניק אין האַרצן. די געפֿילן פֿון לוסט און לעבן האָבן אים ווי פֿאַרשיכורט. און פּלוצלינג דערפֿילט איר שטאַרקן און געזונטן קערפּער נעבן זיך. פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין וואָס ער קען נישט ביישטיין קעגן יצר הרע, איז ער אַהיים געלאָפֿן, צוגעשפּאַרט זיין הייס פּנים צום פֿענצטערל און געקוקט אין די טיפֿע נאַכט אַריין. די שטערן האָבן ריין געפֿינקלט אינם שטומען הימל, און זיך געטונקען אינם קלאָרן טייך. אַ נאָגנדער בענקשאַפֿט האָט זיך אין אים באַזעצט, און ס׳האָט זיך געדאַכט אַז דער גאַנצער אַרום בענקט. דאָס שטילע פֿליסענדע טייכל בענקט און נעמט מיט אַ גרויסן סוד, אפשר זיין סוד און די ווערבן־ביימער בייגן אַראָפּ זייערע צווייגן צום וואַסער, וויגן זיך פֿאַרבענקט. . .

דער זומער איז אַוועק. עס זיינען אָנגעקומען אַנדערע טעג. אַן אַנדער הימל האָט זיך איבערן דאָרף געשפּרייט. עס האָט גענומען רעגענען, דערנאָך שנייען און פֿרירן. אַ פֿראָסטיק וועלדל האָבן די שויבן באַדעקט און געהאַלטן די שטיבן אין האַלב־טונקלקייט. די קרירהס האָבן געשטיגן. פֿונם וואַלד האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פֿון די צווייגן, וואָס זיינען דורך קעלט און פֿראָסט פֿון די ביימער אָפּגעשפּרונגען. און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי דער וואַלד קנאַקט אויס זיינע אַלטע גלידער. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך געשלייערט אין ווייסן און געבלענדט די אויגן. די טעג האָבן זיך געצויגן פֿויל, אין שטוב איז די לופֿט געווען פֿול מיט רוגז. אברהם חיים האָט געפֿילט, אַז אַלץ אין אים איז פֿאַרגליווערט געוואָרן. שעהן לאַנג פֿלעגט ער זיצן פֿאַרטראַכט און קוקן אויף די ווייזערס פֿונם וואַנט־זייגער, וואָס רירן זיך אַזוי פּאַמעלעך. עס האָט אים שטאַרק געצויגן צוריק אין שטאָט צו די שבתים אין זיין חברהלע. טרויער און אומעט האָט זיך אַרויסגעזען פֿון זיין יעדע באַוועגונג, און מיט דער צייט פֿאַרלוירן זיין שטיל פֿריילעכע מינע. דאָ איז ער געווען עלענט ווי אַ שטיין . . .

חיה אסתר איז איצט געווען די איינציקע וואָס האָט געטראָגן די גאַנצעווירטשאַפֿט אויף אירע פּלייצעס, און יעדן פֿרימאָרגן געגאַנגען אָפּנעמען די מילך. אַזוי זיינען פֿאַרגאַנגען וואָכן און חדשים. אָבער אַן אומגעריכטער צופֿאַל האָט זיך אַריינגעמישט און נאָך שווערער געמאַכט איר געמיט. דער יינגער פֿריץ וואָס פֿלעגט פֿון צייט צו צייט זיין ביים מעלקן די בהמות, האָט פֿון דער זייט באַטראַכט חיה אסתר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יינג שטאָטיש מיידל. צוליב איר פֿלעגט ער קומען יעדן אינדערפֿרי, און מיט די גאַנצע תאווה פֿון זיין הייסן גוף גיריק אויף איר געקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיינע שפּיזיגע אויגן געגעסן איר יעדע באַוועגונג. חיה אסתר האָט דערפֿילט עפּעס אַ מוראדיקע צעטראָגנקייט, און האָט אויפֿגעציטערט איטלעכס מאָל ווען דער יינגער פֿריץ האָט זיך באַוויזן. איינמאָל אין אַ פֿאַרנעפּלטן פֿרימאָרגן, האָט ער זי אָנגענומען פֿאַרן האַנט, און אַ ציי געטון זי צו זיך, דערביי פֿיבעריש געשטאַמעלט: „דו ביזט זייער אַ שיינינקע, איך האָב דיך שטאַרק ליב" . . .

פֿון די פּלוצלונג אונערוואַרטעטע באַגעגעניש איז זי אַהיימגעלאָפֿן אַ צעפּלאָמטע, בייז אויף זיך, אויף די מענטשן און אויפֿן גאַנצן לעבן אין דאָרף. זי האָט היסטעריש זיך צעוויינט און מיט אַ ווילדן כעס געשריגן: איך וועל נישט גיין נאָך די מילך, איך טאָר נישט, איך טאָר נישט! אירע הייסע טרערן זיינען געפֿאַלן אויף די קליינע קינדער, וואָס זי האָט שטאַרק צוגעדריקט צו איר ברוסט.

פֿאַר אברהם חיים׳ן איז די נייע צרה געפֿאַלן ווי אַ שווערער קלאַפּ. שלעכטע מחשבות האָבן זיך ווי שוואַרצע מייזלעך אין זיין קאָפּ פֿאַרקליבן און דאָרט געטאַנצט אַ שדים טאַנץ. עס זיינען פֿאַר זיינע אויגן פֿאַרביי געשווימען צוויי יאָר שווערע אַרבעט און פֿאַרשאַפֿט אים טרערן און פּיין — אַ ביטערער עסק. ער איז אַלץ שוואַכער געוואָרן אין געזונט. און געזוכט זיך צו באַפֿרייען פֿון זיין שווערן אומעטיקן געמיט. זיין גאַנצער וועזן איז געוואָרן אויסגעפֿילט מיט דעם איינציקן געדאַנק צוריק אין שטאָט אַריין. און גענומען אונטעראיילן דאָס איבערציען זיך. צו מאָרגנס פֿון דעם געבענטשטן טאָג איז דאָס קושן פֿון חיה אסתר געווען נאַס פֿון טרערן . . . דאָס זיינען געווען טרערן פֿון פֿרייד! בלויז מאָטל האָט זיך באַהאַלטן ביים ברעג פֿונם טייך און פֿאַר זיינע אויגן האָט זיך אויסגעריסעוועט דאָס שטראַלנדיק געשטאַלט פֿון העלענקאַ. עפּעס אַ געהיימע קראַפֿט האָט אים געצויגן אַריינצושפּרינגען אינם טייך און ווערן מיטגעטראָגן ווייט־ווייט ווי הימל און וואַסער ווערן איינס.

* *

דעם פֿרייטיק־צו־נאַכטס אין שטאָט האָט חיה אסתר באַזונדערס אויסגעזען שיין. דאָס ליכט פֿון די לייכטער האָבן באַדעקט איר ברוסט און פּנים. דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ מילדן שיינעם רייץ. אברהם חיים, אַ פֿריילעכער פֿונם שבתדיקן תענוג האָט געברומט פֿאַר זיך: „משנה מקום—משנה מזל" . . . און חיה אסתר האָט צניעותדיק מיט טרערן אין די אויגן, וואָס האָבן אין די שבת־ליכט אויסגעזען ווי שיינע פּערל, נאָכגעזאָגט: „משנה מקום משנה מזל"...

## בילדונג•
## פון י. ל. פרץ

אונזער פראָגראַם איז — בילדונג; מיר ווילן בילדן דאָס פאָלק, מאַכן אויס נאַרן — קלוגע; אויס פאַנאַטיקער — געבילדעטע מענטשן; אויס ליידיק־גייער און לופט־שלינגער — אַרבעטער; נוצלעכע, אָרנטלעכע מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר זיך, און דעם כלל קומט דערפון אַ טובה אַרויס.

אונזערע שונאים זאָגן, אַז דער כלל ייִדן איז בלוט־איגל (פּיאַווקעס), קאַטאָרזשניקעס, כל־בו'ניקעס... אונזער שפּאָטער זאָגן, אַז דער ייִדישער מוח איז אַ פאַרפוילטע הושענא, דאָס הארץ — אַ קיזעל־שטיין, די הויט — פאַרוואָרלאָזט און אַלע אברים — קרום און לאָם.

אונזערע שאָוויניסטן זאָגן אַז ישראליק איז גאָטס בן־יחיד'ל — זיין וויַנ איז אמונה, זיין קאָפּן־קישעלע — בטחון, זיינע ווינדעלעך — יריעות פון מקדש, זיין סליניאַק — אַ פּרוכת, זיין וויקל־שנור — משה רבינו'ס גאַרטל, זיין הארץ — מלאכים־לעבער, זיין מוח — דער ארון מיט די כרובים, זיינע ציִעמיִעניִעס אויפן קאָפּ — הייליג לבנון־גראָז.

מיר זאָגן איינפאַך: מיר ייִדן זיינען מענטשן ווי אַלע מענטשן! מיר האָבן מעלות, מיר האָבן חסרונות. מיר זיינען נישט קיין געטער, נישט קיין טייוואָלים נאָר מענטשן. און מענטשן דאַרפן זיך בילדן שטענדיק לערנען, מיט יעדן טאָג ווערן קלוגער, בעסער און פיינער.

בטבע זיינען מיר גלייך ווי אַלע מענטשן, און דאָך איז אונזער פאָלק נישט גלייך צו אַנדערע פעלקער, ווייל אונזער לעבן איז אַנדערש, אונזער געשיכטע איז אַנדערש, אונזרע רבי איז — דער גלות . . .

דעם גלות האָבן מיר צו פאַרדאַנקן אַ סך. אַ סך מעלות, נאָר אַ סך חסרונות אויך. אין דעם טויזענדער־יעריגן לעבענס־שטרייט, בפרט פאַרצייטן, ווען אַלע פעלקער האָבן כח געזאַמלט און באַנוצט אויף מאָרד, ברענען און צווינגען האָבן מיר כחות געזאַמלט און באַנוצט אויף סבלנות, אויף אויסהאַלטן, אויסדולדן, איבערליידן די שלעכטע צייט. יענע קראַפט וואַקסט אַזוי לאַנג ביז זי טרעפט אויף אַ גרעסערע און פּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז. אונזער קראַפט וועט שוין אויף קיין גרעסערע נישט טרעפן. דעריבער זיינען אַ סך פעלקער אונטערגעגאַנגען און מיר לעבן און ווילן לעבן אייביק . . .

זינט מיר זיינען אין גלות האָבן מיר אויף אונזער געוויסן, אויף אונזער „יהדות", קיין איינציקן טראָפּן פרעמד בלוט; דער פעלקער־פאַנאַטיזם האָט אונזער פּאָן מיט בלאָטע באַשפּריצט, מיר האָבן אים מיט איינן בלוט געוואַשן.

און ווייל מיר זיינען אין גלות, ווייל מיר עסן שטענדיק ביי אַ פרעמדן טיש, ווייל מיר זיינען אייביקע אומגליקלעכע אורחים אויף דער וועלט, האָבן מיר צו דער מענטשהייט דעריבער איז מענטשלעכקייט אונזער הייליקסטער אידעאַל, דעריבער איז אונזער ענגאַיזם (אייגנליבע) די ריינסטע מענטשנליבע! ווייל מיר פילן, אַז כל־זמן די מענטשנליבע וועט נישט גובר זיין, כל־זמן עס וועט זיין קנאה־שנאה, תחרות און מלחמות, וועט אונז נישט גוט זיין, דעריבער בעטן מיר שטענדיג אויף שלום, דעריבער זיינען אונזערע הערצער ווי אַ שוואָם פאַר אַלע נייעסטע אידעען, דעריבער האָבן מיר הארץ, געפיל און מיטלייד מיט אַלע אומגליקלעכע מיט אַלע פאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע . . . דעריבער זיינען מיר „רחמנים בני רחמנים".



• דער אָנהויב פון פרצעס גרויסער עסיי „בילדונג", וועלכעס איז געבליבן דאָס פּראָגראַם פאַרן פּראָגרעסיוון ייִד ביזן היינטיקן טאָג.

און ווייל קיינער וויל פאַר אונז נישט זאָרגן, ווייל מיר האָבן שטענדיג געמוזט זיך אין זינען האָבן אַליין, ווייל מיר האָבן שטענדיג צווישן שונאים געלעבט, ווייל אונזער מאָרגן איז קיינמאָל נישט זיכער געווען, ווייל אונזערע מחיות זיינען שטענדיג באַגרעניצט, האָבן מיר זיך מיט דער צייט צוגעוויינט צום זאָרגן, צום דענקן, צום איינשפּאָרן; צו האַלטן שטענדיג קאָפּ, צו באַהאַלטן אויף אַ שלעכטן טאָג, צו וואַקסן אויף סקאַלעס אָן רעגן אָן טוי...

און ווייל מיר האָבן נאָר מיט אונזער גייסט געשטריטן, ווייל די הענט האָבן מיר געמוזט האַלטן ביי זיך, זיינען מיר גייסטיגער און אידעלער געוואָרן . . .

די רעשט האָבן מיר צו פאַרדאַנקן אונזער תורה, אונזערע נביאים און אונזערע בעלי התלמוד.

אליהו פאלושאק

## ער, פּרץ, דער פאָלקסטריבון

ווען דעם 21־טן מאַרץ, 1915, מיט 30 יאָר צוריק, גראָד אינדערמיט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ס'איז נפטר געוואָרן אונזער יצחק ליבוש פּרץ, זיינען מיט דער לויה מיטגעגאַנגען הונדערט טויזנט מענטשן. אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אַלע ייִדישע רעליגיעזע און וועלטלעכע שאַטירונגען זיינען געווען פאַרטרעטן: חסידים, מתנגדים, אַסימילאַנטן, בונדיסטן, רעוואָלוציאָנערן און סתם ייִדן. נישט פאַרטרעטן זיינען געווען די פאַרטרעטער פון דער וואַרשעווער גמינע — די נאַטאַנזאָנס און דיקשטיינס.

איז דאָך די וואַרשעווער קהלה געווען אַ ציטאַדל פון דער אַסימילאַציע און פּרץ — אַ בעאַמטער, אַ ראַכמיסטש און דערצו נאָך עפּעס אַ שרייבער אין ייִדיש, אַ רעדנער אין ייִדיש, אַ פאָלקסטוער פאַר עפּעס „ייִדישע" ייִדן, פאַרן המון, פאַרן פאָלק.

הונדערט טויזנט ייִדן גייען נאָך דעם אומשטערבלעכן י. ל. פּרץ, ווען מען ברייגגט אים צו קבר ישראל. און אַנדערע הונדערט טויזנטער, ניין, מיליאָנען ייִדן, פאָלקסמענטשן, און ספּעציעל די יוגנט פון די גרויסע ייִדישע קבוצים

פון פוילן, רוסלאַנד און ליטע, האָבן מיט גליעדיקע אויפגערעגטע פּנימער, מיט קלאַפּעדיקע הערצער און פון טרערן באַשאָטנטע אויגן באַגלייט די גרויסע דעמאָנסטראַציע פון אַ פאָלק, וואָס טראָגט מיט טרויער און מיט שטאָלץ זיין טויטן אומשטערבלעכן נשיא און טריבון.

און ווייל מיר שרייבן איצטער דאָס יאָר, 1945, און עס איז פּסח־צייט — דערמאָנען מיר אונז מיט ווייטאָק אין אַן אַנדערע טרויעריקע יאָרצייט: — דעם אָנהייב פונם סוף פון וואַרשעווער „געטאָ“, — אָטאָ יענעם אָרט, וואו דער זאַמאָשטשער אַדוואָקאַט איז געוואָרן דער גרויסער פאָלקסדיכטער, דערציילער, אינטערפּרעט פון דער טיפקייט פון דער יידישער נשמה; דער כלל־און קולטור־טוער, דער וועקער, דער פאָלקסטריבון. אָפּגעווישט פון גאָטס ערד זיינען אָטאָ דער פּלאַץ און די באַוואוינער פון דעם ישוב, פאַר וועמען ער, פּרץ, האָט געלעבט און געאַרבעט. און אפשר איז פון זיין קבר אויך קיין זכר נישט געבליבן? איינס אָבער איז זיכער,—אי דאָס פאָלק, אי זיין נשיא: ער, פּרץ, דער פאָלקסטריבון, זיינען אומשטערבלעך.

---

געקומען איז ער פון זאַמאָשטש, אַ ראָמאַנטישער פאַרחלומטער שטאָט אין דרום־פוילן. אַ שטאָט, באַקאַנט און באַרימט מיט תורה, חכמה און בילדונג; אַ שטאָט, וואָס איז געווען פריי פון ליידנשאַפטלעכע מחלוקות צווישן חסידים און מתנגדים, אויפגעקלערטע און אָרטאָדאָקסיע;—איז ער, פּרץ, דאָרט אויפגעוואַקסן, געלערנט, געחלומט און שטודירט. געשריבן העברעאיש און יידיש, געפאָרן אַרויס פון זאַמאָשטש און צוריק אַהיימגעקומען. עפּעס האָט אין אים געקאָכט און געברויזט; עפּעס האָט זיך אין אים אַנטוויקלט און געפאָרעמט; עפּעס האָט אין אים רעוואָלטירט און געבושעוועט.

דער ליטעראַטור־קריטיקער גיט אַן אָפּשאַצונג איבער פּרץ אין זיין ווערק; דער ליטעראַטור־היסטאָריקער גייט שוין ווייטער און גיט זיין אָפּשאַצונג איבער דעם גרויסן דיכטער אינם שפּיגל פון דער צייט אָדער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט; דער מאָנאָגראַפיסט אַנטוויקלט און אַנטפּלעקט פאַר אונז די גרויסע און שטאַרקע פּערזענלעכקייט פונם דיכטער. די געאָגראַפישע, פאַמיליערע און גייסטיקע סביבה, וועלכע האָבן געהאַט, האָבן געקענט אָדער געדאַרפט האָבן אַן השפעה אויף אַזאַ פּילזייטיקן גייסט, ווי י. ל. פּרץ.

איבער פּרץ אַלס פאָלקסטריבון, אַלס צענטראַלע פּערזענלעכקייט פונם פוילישן יידנטום, איז נישט גענוג געוואָרן געשריבן. ווען מיר קוקן זיך אַרום אין אונזער אָרים וועלטל, וואו דאָס קליינע און גראָשנדיקע; דאָס וואָכנדיקע און אויסגעוועבטע ווערט אַזוי הויך געהויבן אָדער געדרוקט מיט גרויסע אותיות. ווען מיר קוקן זיך צו צום גייסטיקן, פּאָליטישן אָדער „אויך־מיר פּאָליטישן“ תהו ובהו אויף דער יידישער גאַס,—בענקט עס זיך אַהיים, צו דער



צייט, ווען אַ פרייש געזאָגט אָדער פרייש געדרוקט וואָרט פון יצחק ליבוש פּרץ האָט געגעבן מוט, כוח, האָפנונג און קלאָרקייט.

און מיר, אָדער אַ טייל פון אונז, וואָס האָבן געהאַט די זכיה אַלס ייִנגוואַרג צו זיין די צייטגענאָסן פון אים, פּרץ, דעם פאָלקסטריבון,—מיר זיינען געוואָרן זיינע תלמידים, זיינע נאָכפאָלגער, זיינע אויך מיר יורשים — פּרציאַנער.

און צו זיין אַ פּרציאַנער איז אַ גרויסע זאַך! צו זיין אַ פּרציאַנער איז נישט עפּעס ווי דינען ביליקע שלאָגווערטער און פראַזן. צו זיין אַ פּרציאַנער, הייסט נישט—אַריינקוקן אין פּאַרטייביכל, וואָס מען האָט צוטון אָדער נישט. פּרציאַנער זיין הייסט זיין אַ דינער און אַרבעטער פאַרן פאָלק, זיין שפּראַך, זיין קולטור, זיינע עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַדערפענישן.

„מיט מיין גאַנצער סימפּאַטיע צו די ראַדיקאַלע קרייזן שעם איך מיך נישט מיט כלל ישראל און אַרבעטן וויל איך פאַר כל ישראל“. דאָס שרייבט פּרץ אין 1909 אין אַ בריוול צו יעקב דינעזאָן.

פּרציאַנער זיין הייסט צו האָבן אַן אני מאמין. „די קונסט מוז זיין פאַר יידן—יידיש. און איז געעפנט פאַר אונז די וועלט מיט פּראַכט און גלאַנץ — מוז יידיש זיין ביי אונז דאָס אויג, אין יידיש מוזן מיר זען די וועלט!“

„און האָט מען נישט קיין וועלט־אַנשויאונג, האָט מען קיין וועלט נישט, נאָר אָפּגעריסענע, צעוואָרפענע פאַקטן און נישט צוזאַמענגעהעקלטע דערשיינונגען; שפּילט מען זיך אין זאַמד . . . און האָט מען נישט מיט וואָס די צייטן צו פאַרבינדן, דער היינט קומט נישט אַרויס פון נעכטן, און דער מאָרגן — נישט פון היינט . . . נאָך מיר זאָל זיין אַ מבול“ . . . דאָס זאָגט אונז פּרץ אין זיין עסיי „וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור?“ און ער זאָגט נאָך פיל מער, מער. און וואָס ער זאָגט, איז טיף, לאָגיש און נישט געבונדן אין צייט און אָרט. נאָך היינט, און גראָד היינט אין דער טראַגישסטער צייט פון אונזער היסטאָריע, לוינט זיך צו פאַרטיפן אין דעם אוצר פון אַרטיקלען, אויפזאַצן, עסייען, פעליעטאָנען און בריוו, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע יידישע ביבליאָטעקן פון דער וועלט. זיינע רייד זיינען היינט אַזוי אַקטועל און לעבעדיק ווי נעכטן. ער רעדט צו אונז און צו אייך, פּרציאַנער אָדער נישט פּרציאַנער; ער רעדט צו שרייבער, פאָלק און פאָלקספירער, אמתע פירער און רעדלפירער . . . ער רופט — ער, פּרץ, דער פאָלקסטריבון.

## שלום בית • פון י. ל. פרץ

חיים איז א טרעגער.

אז ער גייט דורך די גאס איינגעהויקערט אונטערן קאסטן סחורה, זעט מען אים נישט ארויס; עס דאכט זיך, אז דער קאסטן גייט אליין אויף צוויי פיס . . . דאס שווערע אטעמען הערט זיך דאך פון ווייטנס!

דאך — אט לייגט ער אפ די לאסט, באקומט זיינע עטלעכע גראשן; ער גלייכט זיך אויס, אטעמט שטארק אפ, בינדט אפ די פאלעס ווישט זיך אפ דעם שווייס פון פנים, גייט גלייך צום ברונעם, טוט א פאר שלוק וואסער און לויפט אין א הויף אריין.

ער שטעלט זיך נעבן א וואנט, הויבט אויף דעם ריזן־קאפ אזוי, אז דער שפיץ בארד מיט דער נאז, מיטן דאשעק פונם היטל, קומען אויס אויף איין שטח. ער רופט: — חנה!

פון אונטערן דאך עפנט זיך א קליין פענסטערל און א קליין ווייבעריש קעפל אין א ווייסן טשיפעק ענטפערט: — חיים?!

דאס פאר־פאלק קוקט זיך גאנץ צופרידן אן; די שכנים זאגן: זיי קעטשקען זיך. חיים ווארפט ארויף זיין פארדינסט, איינגעוויקלט אין א שטיקל פאפיר; חנה כאפט עס אין דער לופט! עס איז איר נישט דאס ערשטע מאל.

— א בריה נפלאה! — מאכט חיים און האט גאר קיין חשק נישט אוועקצוגיין.

— גיי, גיי, חיים! — שמייכלט זי — איך קאן מיך נישט רירן פון קראנקן קינד . . . איך האב צוגעשטעלט דאס וויגל צום קוימען. מיט דער האנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך . . .

— וואס מאכט עס, נעבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאט! און הענע?

— ביי דער נייטארין!

— יוסל?

— אין חדר.

חיים לאזט צוריק אראפ די בארד, גייט אוועק און חנה קוקט אים נאך ביז ער ווערט איר פארשוואונדן.

דאנערשטאג און פרייטאג דויערט עס לענגער.

— וויפיל האסטו דא אינם פאפירל? — פרעגט חנה.

— צוויי און צוואנציג גראשן.

• מיר ווילן אויס, מיט צושטימונג פון חברים, די קורצע רעאליסטישע דערציילונג—מיט איר גאנצער פשוטקייט האט זי שוין אין זיך א סך עלעמענטן פון פרצעס מאטיוון און פראבלעמען.



— איך האב מורא עס איז ווייניג!

— וואס דארפסטו דען, חנה?

— פאר א זעקסער שמירעכטס פארן קינד, פאר עטלעכע גראשן ליכט, חלה האב איך שוין . . . פלייש אויך, אנדערטהאלבן פונט. נו — בראנפן אויף קידוש! . . . היינט דארף מען נאך עטלעכע דרעננגלעך!

— דרעננגלעך וועל איך דיר שוין שאפן, עס מוז זיין אויפן מארק.

— דארף איך נאך . . .

און זי רעכנט אויס וואס זי דארף נאך אלץ אויף שבת. סוף כל סוף בלייבט: אז מען קאן קידוש מאכן איבער חלה, און אז אן א סך זאכן איז זיך גאנץ לייכט צו באגיין.

דער עיקר איז — בענטש־ליכט, אויך די זאלב פארן קינד!

און פונדעסטוועגן, אז גאט העלפט, די קינדער זיינען געזונט, די מע־שענע לייכטער — נישט פארזעצט בפרט אויב עס איז דא נאך א קיגל — האט דאס פאר־פאלק גאר א פריילעכן שבת!

ווארים חנה איז א בריה נפלאה צום קוגל!

שטענדיג פעלט איר עפעס, דא מעל, דא אייער, דא פעטס און צום סוף קומט ארויס א פעטער, א זיסער, א מחיה'דיקער קוגל; ער צוגייט פשוט אין אלע אברים!

— דאס קאכט דער מלאך — זאגט חנה און שמייכלט פאר נחת.

— יא, א מלאך, אודאי א מלאך! — לאכט חיים — דו מיינסט, אז דו ביזט א קליינער מלאך, אז דו האלסט אויס פון מיר און פון די קינדער... וויפיל מאל טוען זיי דיר אן צרות איך ווער אמאל בייז . . . נו, איך הער עפעס א קללה פון דיר, ווי אנדערע ביי די ווייבער?

— און באשר, דו האסט א סך נחת פון מיר? דו און די קינדער גייען נאקעט און בארוועס . . . צו וואס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה, איך קען אפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען . . .

— ביזט פארט א גוטער טאטע, און א גוטער מאן! — האלט זיך חנה ביים אירינגן — אזא יאר אויף מיר, און אויף כל ישראל . . . איך זאל מיך נאר עלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאס פאר־פאלק קוקט זיך אין די אויגן אריין אזוי גוט, אזוי ווארעם, און אזוי מיטן גאנצן הארץ אז עס דאכט זיך, זיי זיינען ערשט פון אונטער דער חופה אפויר . . .

עס ווערט נאך פריילעכער ביים טיש.

נאר נאכן שלאף גייט חיים אין קליינעם שולכעל אריין הערן תורה.

דארט לערנט א מלמד מיטן פראסטן עולם אלשיך. עס איז היים, די פנים'ער זיינען נאך פארשלאפן; איינער כאפט נאך א דרימל, דער צווייטער לאזט ארויס א הויכן געניץ; נאר ראפטים, ווען עס קומט צום רעכטן ארט, מען שמועסט פון יענער וועלט, פון גיהנום, ווו מען שמייסט די רשעים מיט אייזערנע ריטער, פון ליכטיגן גן־עדן, ווו די צדיקים זיצן אין גאלדענע

קדוינען און לערנען תורה . . . דעמלט ווערן אלע אויפגעלעבט; די מיילער — אָפן, די פּנים'ער — רויט . . . מען הערט זיך איין אַן אַן אָטעם וואָס עס וועט זיין אויף יענער וועלט!

חיים שטייט געוועגליך ביים אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים הענט און פיס; ער איז אין גאַנצן אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפן כף־הקלע, קלויבט שפּענער אין ווייסטע וועלדער... אליץ לעבט ער דורך, און עס באדעקט אים דער קאַלטער שוויים . . . פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אלע צדיקים: דאָס ליכטיגע גן־עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור־הבר, און אלע גוטע זאכן, שטעלן זיך אים פאַר אזוי לעבעדיג און אזוי בולט אז ווען דער מלמד ענדיגט, גיט א קוש און פאַרמאַכט דאָס ספר, כאַפּט ער זיך אויף ווי פון א חלום, טאַקע ווי פון יענער וועלט.

— אך — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן ביי דער גאַנצער צייט — רבונו שלעולם! כאָטש א שטיקל, כאָטש א פּיצל, כאָטש א בראָקעניו עולם הבא . . . פאַר מיר, פאַר מיין ווייב, און פאַר אלע מיינע קינדערלעך!

און דעמלט ווערט ער טרויעריג; ער פרעגט זיך: מישטיינס געזאָגט, פון וואָס, פאַרוואָס?....

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד:

— רבי — זאָגט ער און זיין קול ציטערט — גיט מיר אַן עצה איך זאָל זוכה זיין צוהאָבןעולם הבא!

— לערן, מיין קינד, תורה! — הערט ער א תשובה.

— איך קען נישט!

— לערן משניות . . . עין־יעקב, כאָטש פּרק!

— איך קאָן נישט!

— זאָג תהלים!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַווען ערנסט!

— איך פאַרשטיי נישט וואָס איך דאַווען!

דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות:

— וואָס ביזטו? — פרעגט ער.

— א טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל, אלע פאַרנאַכט אין בית המדרש אריין א פאָר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלן האָבן צו טרינקן . . .

חיים ווערט דערפרייט.

— רבי — האָט ער ווייטער געפרעגט — און מיין ווייב?



— אז דער מאַן זיצט אויף א שטול אין גן־עדן, און דאָס ווייב זיין פיסנבענקעלע.

* * *

אז חיים איז אהיים געקומען הבדלה מאַכן, איז חנה געזעסן און געזאָגט „גאָט פון אברהם". אז ער האָט זי דערזען האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה — פאַלט ער צו איר צו — איך וויל נישט דו זאָלסט זיין מיין פיסנבענקעלע . . . איך וועל מיך אַראָפּבויגן צו דיר, איך וועל דיך אויפהויבן און זעצן דיך נעבן מיר. מיר וועלן צוזאַמען זיצן אויף איין שטול, ווי אַצינד . . . עס איז אונז אזוי גוט צוזאַמען; הערסט, חנה, דו מוזט זיצן מיט מיר אויף איין שטול . . . דער רבונו של עולם וועט מ ו ז ן באַשטיין!

א. מ. פוקס

## י. ל. פּרץ'ס אינערליכער סטיל

(צום 30־טן יאָרצייט)

דאָס גייסטיקע געביי פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, דאָס מיינט דעם טייל אין דער יידישער פאָלקסשפּראַך, איז פונדירט אויף צוויי הויפּטזיילן: מענדעלע מוכר ספרים און י. ל. פּרץ. ביידע זיינען גרונטפאַרשידן אין דער פאָרם און טעמאַטישן באַנעם פונם יידישן לעבנסשטייגער, און דער עיקר אין אופן, אין סטיל פון זייער ליטעראַרישן שאַפן. אָבער זיי דערגאַנצן זיך אין יסוד, אין אינערלעכן מהות, פון דער כלל יידישער גייסטיקייט.

מענדעלי איז געווען דער ערשטער אין זיין קראַפט, דער גאון, וואָס האָט מיט זיין אייגנאַרטיקן יאָדערדיקן און שאַרף פּלאַסטישן פּראָזע סטיל געשאַפן אין דער יידישער ליטעראַטור די שולע פונם רעאַליזם, די שולע פון דער מאָדערנער יידישער וואָרט־קונסט אין דער בעלעטריסטיק.

אידיליש נאַטור־בילד, כאַראַקטערגעשטאַלטונג, הומאָר און סאַטירע, סאָציאַלער און פּסיכאָלאָגישער קאָנפליקט און טראַדיציע־בינדונג, אָט די אַלע עלעמענטאַרע דערשיינונגען אין יידיש מענטשלעכן לעבענס־שטייגער פון איר סביבה, האָט מענדעלי דערשפּירט בחוש פון זיין גרויסן דיכטער טאַלאַנט, דערזען מיט זיין שאַרפן קינסטלער אויג און אָבגעמאָלן, געשטאַלטיגט און קלאָר דערציילט, אין דער לעבעדיק זאַפטיקער שפּראַך פונם פאָלקסמויל, מיט אַ פען שטאַרק, שפּיציק און געשליפן ווי אַ דימענט.

דעריבער איז די יידישע ליטעראַטור בעיקר אָריענטירט אויפן רעאַליסטישן מענדעלי־סטיל און איר פאָרעם, וואָס דאָס מיינט, אויף דער אידייע פונם הומאַניזם, פונם ריין מענטשלאַכן און איר תוכן ווי אַ עטישע טענדענץ און אידעאַל פון נאַציאָנאַל־גייסטיקן לעבנסאויסדרוק און אָפּשפּיגלונג.

אונזערע בעסטע יידישע (און אויך העברעאישע) פּראָזע שרייבער פון על־

טערן און יינגערן דור, ווער נאָר עס האָט זיך דערוואָרבן אַ ליטעראַרישן נאָמען אין דער בעלעטריסטיק, האָט געלערנט סטיל ביי מענדעלי. עס איז נור גענוג דאָ צו דערמאָנען עטלעכע נעמען פון דער היפשער צאָל פון אונזערע פּראָזע־קינסטלער, ווי זלמן שניאור, ג. שאַפּמאַן, חיים הזאַז, י. אָפּאַטאָשו, דוד בערגעלסאָן, יצחק באַשעוויס, כדי צו האָבן אַ בילד פון מענדעליס סטיל השפעה אין דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, אין ביידע לשונות.

יאָ, מיר אַלע נאָכפאָלגער האָבן מיט דער פולער מאָס געשעפּט פון דעם גייסטיק פרישן מענדעלי קוואַל. מיר האָבן אַלע געלערנט פאָרם, אופן, בילדלעכקייט,ביים אַלטן סטיל מייסטער און אַ יעדער, לויט זיין אָריגינאַל און יכולת ווייטער אַנטוויקלט דעם ליטעראַרישן מהות פון זיין שאַפן.

אָבער פאַרוואָס שטייט די צווייטע זייל פון דער ייִדישער ליטעראַטור י. ל. פּרץ אָן אַ שולע? וואַגיק און הויך שטייט די פּרץ־זייל אין בנין פון דער נייער ייִדישער גייסטיקייט, אָבער פאָרט אַליין, איינזאַם, אָן נאָכפאָלגער, אָן תלמידים.

תלמידים האָט פּרץ דוקא געהאַט אַ סך. זיין גייסטרייכע פּערזענליכקייט האָט צוגעצויגן אַ גרויסן קרייז יינגע טאַלענטן פון צווייטן דור שרייבער. ער האָט אפילו בשעתו אין וואַרשע, געפּראַוועט אַ מין ליטעראַרישן „טיש" (עס איז שוין היינט ליטעראַטור־געשיכטע). ער האָט זיכער שטאַרק משפיע געווען דאָס מאָדערן ייִדישע קולטור לעבן אין פּוילן, די גייסטיקע דערציאונג פון דער ייִדישער אינטעליגענץ און אין אַ גרויסער מאָס געפעדערט דעם אויפבלי און דאָס וואַקסן פון דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור, פון זינט דער השכלה־צייט. אַ סך שרייבער האָבן בשעתו אויך געלערנט ביי פּרצן „חסידות סטיל", אין פאָלקסטימלעכן דערציילונג־סטיל. נאָר זיי האָבן ביי דעם מייסטער גאָר נישט אויסגעלערנט. זיי זיינען אַלע געווען פון דעם מין ליטעראַרישע נאָכמאַכערס וואָס האָבן גאָר נישט געהאַט עפּעס גייסטיק אייגענס. פּשוט קיין פּינק פון איינגעבוירענעם דיכטער טאַלאַנט. אומזיסט האָבן זיי מטריח געווען דעם „אַלטן זצ"ל" פון הייליקן קבר צום שרייבטיש, אים באַטינטלט און באַפּינטלט מיט כלומרשטע פּרץ רמזים. ס'איז פון דעם גאָר נישט אַרויסגעקומען. דערייבער איז פון די אַלע שרייבער וואָס האָבן אונטער דער פּרץ השפעה בשעתו אין פּוילן און אומעטום געשריבן חסידישע מעשיות, גאָר נישט פאַרבליבן עפּעס וואָס זאָל האָבן אַ ליטעראַרישן ווערט.

אַלע אמתע טאַלענטן פון דעם פּרץ קרייז בשעתו, ווי אַש, פּינסקי, רייזען, נאָמבערג, וויסענבערג, הירשביין, זיינען אַוועק מיט זייער גלייכן אָריגינעלן שאַפונגס־וועג, מיטן דרך המלך פון דער רעאַליסטישער מענדעלי שולע.

פאַרבליבן פון יענער בליאונג־תקופה אין דער ייִדישער ליטעראַטור זיינען אונז נאָר ז. י. אַנכיס וואונדערלעך שיינע, חסידישע ר' אבא מעשיות, געשריבן אין פּרץ זשאַנר. בלויז אַ איינציקן גרויסן פּרץ תלמיד פאַרמאָגן מיר יאָ, דאָס איז דער העברעאישער פּראָזע־מייסטער ש. י. עגנון. אָבער עגנון האָט דער חסידישער פאָלקס־מעשה און דעם ייִדיש־רעליגיעזן מאָטיוו, בעיקר



פון זיין טיפזיניקן שאַפן, געגעבן אַ רעאַלע פאָרם פון וואָרט קינסטלערישער סטיל געשליפנקייט. ער האָט דער נשמה געגעבן אַ גוף פון פלייש און בלוט, אָנגעקליידט דאָס ריינגייסטיקע מיט לעבן, מיט האַנדלונג, אַזוי אַז די אידייע פון מיסטיש פאַרבאָרגענעם, פונם מיטאָס, האָט זיך קלאָר אַנטפּלעקט אין לעבעדיקער דערשיינונג פונם רעאַלן געשעען. דאָס וואונדער איז אַ חזיון פון עטיש־געשטייגערטן לעבן, וואו דאָס „קרומע ווערט גלייך" אויף אַ נאַטירלעכן אופן. עס איז דער ריינער שטאַרקער גלויבן, אָן פּשרות. דעריבער האָט אָט דער געניאַלער דיכטער ש. י. עגנון, אין דער העברעאישער ליטעראַטור דערגרייכט די מדרגה פון שלמות אין דעם פּרץ־זשאַנר פון זיין שאַפן, אויב נישט נאָך העכער . . . *

וואָס זשע איז פאָרט די סיבה וואָס י. ל. פּרץ האָט נישט געשאַפן קיין ליטעראַרישע שולע און איז פאַרבליבן אָן נאָכפאָלגער אין דער ייִדישער בעלעטריסטיק? די סיבה, דאַכט מיר, ליגט אין דעם אייגנטליכן, אינערליכן מהות פון דעם פּרץ סטיל, אין גאַנצן קאָמפּלעקס פון זיין שאַפן.

ווייל אַ קאָמפּלעקס איז עס, אַ קניפּ פון וועגן, קרומע און גלייכע, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, אַ גאָט זוכן און לייקענען, אַ גאולה בענקשאַפט און שפּאָט. עס איז אַ גלות־פּסיכיק.

דער מענדעלי רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איז, ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, אין זיין הומאַנער טענדענץ בעיקר אָריענטירט אויף דער דערשיינונג פונם אויסערלעכן לעבנסשטייגער, אויפן בילד פונם מענטש אין זיין סביבה, וואָס פּרץ האָט אין תוך פון זיין שאַפן אינגאַנצן נעגירט. אים האָט פאַרנומען בעיקר דאָס מענטשלעך ריין אינערליכע לעבן, בלויז דאָס פּסיכישע, געפילרייכע, וואָס האָט נישט קיין פאָרם, קיין לאָגישן אויסדרוק, געשטייגערט אין פּאַטאָס ביז אַסקעטיזם פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט דאָס קריטישע, דער מוסר השכל, אין די קאַלטע ספערן פון ריינעם געדאַנק, וואָס האָט אויכעט ניט קיין רעאַלע קונסט־פאָרעם.

פּרץ איז געווען דער טיפּ פונם משכיל „פּאַר עקסעלאַנס", ווי מ'רופט דאָס אָן. אַ גייסטיקער געמיש פון דיכטער, דענקער און געזעלשאַפט קריטיקער. ער האָט אין זיין שאַפן געפּראַוווט געבן אַ סינטעז פון אָט די עלעמענטן פון אוניווערזאַלן גייסט, נאָר ס'איז אים דאָס ווייניק געראָטן. אַ שאַרפער מוח, האָט ער זיך אַ סך געקליגעט און געגריבלט, איראַניזירט די וועלט, געמוסרט געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען (די פאַבעל אָפּט פון דער איראָפּעאישער ליטעראַטור גענומען און פריקרע געיידישט) אַזוי אַז דער אַרויסגעקומענער מוסר

---

* אויב ס'וועט עגנונען געלינגען נאָר אָנצושרייבן אַזאַ שלימותדיקע און קינסטלעריש־שעפערישע א"י־דערציילונג ווי פּרצעס „מסירת נפש" וועט ער אויך בלייבן איינער פון אונזערע אומשטערבלעכע קינסטלער.

השכל איז אַ שוואַכע חכמה . . . אפשר פּסיידאָ, אָדער האַלבע אינטעליגענץ, צו באַפרידיקן, אָבער נישט מער.

די וואָרטשאַצונג פון פּרץ'ס שאַפן איז נישט אויפן געביט פון וועלט־קריטיק און ריין געדאַנקלעכן, הגם ס'האָט בשעתו געהאַט אַ היפּשן מאָראַלן אָפּקלאַנג אין דער יידישער גאַס און אַ שטאַרקע דידאַקטישע ווירקונג אין יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן. טיפזיניקער איז שוין פּרץ דערגאַנגען צו דער הייל פונם מיטאָלאָגישן עלעמענט אין זיין שאַפן. דאָ האָט דער דיכטער דערזען, ווען אפילו נאָך אַלץ אַביסל פונוווייטנס, אָבער פאָרט שוין באַשיינפּערלעך, דאָס אייביקע, פון העכערן, פון אינערלעכן יידישן לעבן. עס איז די קבלה־מיסטיק, דאָס וויזיאָנערע ליכט פון דער נשמה יתירה, וואָס ברענט אין זיך ווי דער סנה־פייער אין בין השמשות פון די תקופות לעגענדאַר, רעליגיעז גלויביק אין איר יסוד און אין זיך געבונדן אין עקסטאַז פון גאָט־קולט און מסירת־נפש, געהילט אין דער אומהיימלעך חלומדיקער אַלטער שוהל שטימונג פון קאַלטן, שאָטנדיק־פלעמלדיקן נר תמיד. ס'שמעקט מיט דער גייסטיקער רו און דערהויבונג פון יענע וועלטיקע מיסטעריעס. דאָס איז דער מיטאָס פונם פאַרצייטיקן אמתן חסידות, פאַרוועבט אין אַנאָנים פון דער פאָלקס־מעשה, פאַרבאָרגן אין סימבאָל פונם וואונדער און איידל אָנגעוואַקסן, ווי פּאַטינאַ, אויפן אוצר פון גייסטיק יידישן לעבן און שאַפונג אין דער טראַדיציע פון דורות.

פּרץ האָט אַרויסגעכשופט דעם אינערלעכן גלאַנץ פון דער חסידישער לעגענדע, סטיליזירט די פאָלקס מעשה און געגעבן איר אַ בעלעטריסטישן תיקון אין זיינע דראַמאַטישע פּאָעמען און בעיקר אין די זאַמלונגען „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". אמת, די פאָרם פון אָט די מאָטיוון איז פּרץ'ן ווייניק געראָטן. זי איז אָפט אין וואָרטקינסטלערישן זין שוואַך אַרויסגעקומען. אָבער דער טיפזיניקער תוכן פון פּרצעס פאָלקסטימלעכע דערציילונגען איז שוין אַ סך מכפר אויף דעם פאָרעם פעלער.

די עטישע אידייע פונם יידישקייט איז אין דער דער רעאַליסטיש יידישער ליטעראַטור שולט פון איר ריין הומאַניסטישן תוך, פונם דערציילטן לעבנסשטייגער גופא. י. ל. פּרץ האָט אָבער אין זיין שאַפן די יידישקייט־אידייע אַרויסגעהויבן ווי אַ סימבאָליש ליכט פון אייביקן דויער, ווי אַן אַבסטראַקטן באַגריף פון הייליקייט ווערטן, אַרויסגעשיילט פון רעאַלן געשעען, אין דער רייכקייט פון די עטישע מאָטיוון, ווי רינגען אין דער גילדענער קייט פון יידישן שאַפן, וואָס שמידט צוזאַמען די אַלטע און נייע יידישע ליטעראַטור אין איין גאַנצקייט.

אויב איך האָב ניט קיין טעות אין מיין באַנעם, איז די פּרץ שאַפונג פון דער חסידישער לעגענדע אַ המשך פון מדרש *. אָט דאָס איז דער מהות פונם אינער־

* דער מדרש־פאַרגלייך פּאַסט וואַרשיינלעך גיכער בנוגע עגנונ'ס סטיל !...



לעכן פּרץ סטיל, די אַלעגאָרישע טענדענץ וואָס האָט משפיע געווען דאָס פּאָעמאַטיש טיפזיניקע שאַפן פון אַזוינע דיכטער אונזערע ווי לייוויק, דוד איינהאָרן, י. י. סיגאַל און אהרון צייטלין, אין זייער ריין גייסטיקן וועלט־באַנעם פון רעליגיעז־מיסטישן געפיל־לעבן, אין דער ירושה לאַסט פון דורות. אמת, עס איז אַ קאַלט פייער וואָס ברענט אין די טיקלע טיפענישן פון עקסטאַז און אַסקעז, אַ ברומענדיקער ניגון פון גלגול און גורל, גריילעך און שיין, האַרב און אַנטיק.

ערשט אין אַ יידישער צוקונפט, לויט אַלע באַדינגען פון אַ נאָרמאַלן לעבנשטייגער, אין נאַציאָנאַלער אייגנקייט, קאָן עס דערפולן אַן עטישן צוועק פון אינטעליגענץ דערציאונג און גייסטיקער דערהויבונג.

## די י. ל. פּרץ פייערונגען

אויף וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך געווען, אַרויסצורופן אַן ערלעכע און באַגייסטערטע פּרץ־שטימונג ביי די צוגרייטונגען פון די פייערונגען, צום 30־טן יאָרצייט פונם גרויסן דיכטער י. ל. פּרץ, איז עס באמת אונז געלונגען. און אַ סך האָבן מיר צו פערדאַנקן דערין, וואָס צוזאַם מיט די פּאָר אינטענסיווע „פריינט פון יידיש לשון", האָבן זיך די עטלעכע אַקטיוויסטן פונם „יידישן קולטור־קלוב" מיט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט בלב ונפש. און צו אונזערע פיר שבת־נאָכמיטאָגס אינם חודש ניסן, וועלכער איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ פּרץ־חודש, און אין וועלכן „די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס" וועלן דעם גאַנצן חודש זיין אויסגעפילט מיט רעפעראַטן איבער די שאַפונגען פון י. ל. פּרץ און מיט פאָרלעזונגען פון פּרצעס ווערק, איז אַזוי אַרום צוגעקומען, צו די פיר שבתים אין גרענד־פּאַלעי־טעאַטער (אויף וויפיל, די באַשרענקטע צייט און די קליינע מעגלעכקייט וואָס מיר האָבן וועלן עס דערמעגלעכן), וועלכע וועלן אַרומנעמען 1) די חסידישע־פאָלקסטימלעכע און סימבאָלישע דערציילונגען. 2) פּרצעס טראַדיציאָנעלע געבונדנקייט און ליבע צו די מאַסן. 3) פּרץ דער אָהויב פון אונזער גרויסער פּערזן־דיכטונג. 3) דער פּובליציסט, איבערזעצער און דראַמאַטיקער, איז צוגעקומען די פייערונג אינם „יידישן קולטור־קלוב" דעם ערשטן אַפּריל, זונטיק חומ"פ מיט אַ פאָרטראַג: פּרץ דער פּראָגרעסיווער קעמפער און מיט פאָרלעזונגען פון פּרצעס רעאַליסטישע דערציילונגען, און דער באַנקעט צום אָפשלוס פון די פייערונגען, דעם 8־טן אַפּריל.

די ביידע קולטור־אינסטיטוציעס „פריינט פון יידיש לשון" און דער „יידישער קולטור־קלוב", די איינציקע אינטענסיווע קולטור־אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאַס, נעמען אויך אונטער צוויי אונטערנעמונגען: 1) מאָנטיק, דעם דריטן טאָג חומ"פ אַ טעאַטער־מאַטינע פון „די דריי מתנות" פון וועלכער די גאַנצע הכנסה וועט גיין פאַר צו קויפן ביכער און איבערצושיקן אין די באַפרייטע לענדער. (אין דער קולטור־אַקציע אין וועלכער מיר אַרבעטן מיט

מיטן „יידישן וועלט־קאָנגרעס״ !). 2) אַ גרויסן פּרץ־קאָנצערט און פּרצס אַן איינאַקטער פאָרשטעלונג דעם 8־טן אַפּריל, פון וועלכן די גאַנצע הכנסה וועט גיין פאַר דער אַנטאָלאָגיע, צו וועלכער מיר טרעטן יעצט צו אַרויסצוגעבן.

## די אַנטאָלאָגיע

אויך די אַנטאָלאָגיע, צו וועלכער מיר טרעטן יעצט צו און וועט בקרוב דערשיינען, וועט אויך די האַלבע אויפלאַגע זיין אַוועק צו שיקן אין די באַפרייטע לענדער, די אַנדערע העלפט פון דער אויפלאַגע צו פערשפרייטן דאָ אין ענגלאַנד, און דאָס געלט זאָל אויך גיין פאַר דעם אויבן דערמאַנטן צוועק.

די אַנטאָלאָגיע וועט האַלטן 10 בויגן, 160 זייטן און וועט זיין, פון אויסגעוויילטע זאַכן, פּאָעזיע, פּראָזע און ליטעראַרישע עסייען, געשאַפן פון יידישע שרייבער און אין יידיש דאָ, אין מלכות ענגלאַנד.

עס איז געוואַלטיק נויטיק און בכלל איז שוין געקומען די צייט צו מאַכן אַ גרויסן און ערנסטען אָפּקלייב פון דער יידישער ליטעראַטור,—מיט גרויסן ישוב־הדעת פאַר יידישן גייסטיקן שאַפן און חוש פאַר עכטקייט ! — די גרויסע אויפגאַבע מוז אויף זיך נעמען דער גרויסער ישוב אין אַמעריקע, דאָרטן האָבן מיר איצט די מענטשן וואָס זיינען קאָמפּיטענט דערפאַר און עס זיינען אויך די גרויסע מעגלעכקייטן דאָרטן פאַראַן. די טעכנישע ווי די מאַטעריעלע.

עס קומט אַ צייט ווען ס׳ווערט אַ געפאַר סיי פאַר די שאַפונגען, אַז זיי זאָלן חלילה פאַרלוירן גיין, אָדער מ׳זאָל חלילה פאַרלירן דעם ריכטיקן אָפּשאַצנדיקן ווערט פון איינצעלנע גרונד־ווערק, און גלייכצייטיק די גרויסע געפאַר דאָס פאָלק קאָן חלילה פאַרלירן דעם גלויבן אין זיינע גייסטיקע שאַפונגען, אָדער אין זיין שאַפונגס־פּאָטענץ בכלל — אַזאַ צייט איז מסתם געווען דער חתימת־התלמוד ! עס איז נויטיק דער „לעיני כל ישראל״ בכדי ווידער צו קאָנען אָנהויבן ביים „בראשית ברא״ . . .

מיר דאָ, ווילן לכל הפּנים פּרובן צו מאַכן פון דעם געשאַפענעם דאָ אַ שטיקל ערנסטן אָפּקלייב, אַז עס זאָל אַריינקומען כאָטש אַביסל קלאָרקייט אין דעם געשאַפענעם דאָ, און אין די ערבוביה... אַז מ׳זאָלן על כל פּנים קאָנען גלויבן אין אונזער שאַפן. אפשר וועט עס ווערן אַ קוואַל דעם ישוב דאָ אויפצופרישן אַביסל און אים באַפרוכפּערן מיט אַ שטיקל גלויבן אין זיך.

מיר גייען צו צו דער אַרבעט פון דער אַנטאָלאָגיע, צום אָנקלייבן פונם געשאַפענעם מיט דעם ערנסט וואָס מ׳מוז צוגיין צו ליטעראַטור, צו קולטור־שאַפונגען ; מיר טון אַ תפילה, אַז מיר זאָלן חלילה נישט נכשל ווערן אין אונזער אַרבעט און ס׳זאָל אונז געלונגען. די שרייבער און מחברים אונזערע דאָ זאָלן וויסן, אַז מיר ווילן זיך באַציען מיט ערנסט און מיט גרויסער אַכטונג צו זייערע שאַפונגען,—און יעדן אויף זיין אופן בעטן מיר צו העלפן אונז אין דער אַרבעט, סיי בנוגע זיינע אייגענע שאַפונגען, סיי ווען ער ווייסט פון אַנדערע ! אָבער פאַר אונזערע אויגן וועט שטיין די גאַנצקייט און די אחריות פון דער



יידישער ליטעראַטור. אַזאַ אַרבעט, אַז זי זאָל געטון ווערן גוט און זי זאָל געלונגען, מוז זי געטון ווערן אָן שום טובה־שוואַכקייטן און אַנדערע מענטשלעכע פּניות—דאָס איז טאָקע די תפילה : נאָר נישט נכשל ווערן...

## „די דריי מתנות״

ראשית איז עס ניט באַרעכטיקט געווען צו דרוקן אויף די פּלאַקאַטן און אין די אַנאָנסן : „י. ל. פּרצעס דריי מתנות״. אויף וויפיל דאָס „מוזיקאַלישע פאָלקסשטיק אין 6 בילדער״ מיט דער „מוזיק פון חנא וואָלפסטאַל״, אויף וויפיל ס׳איז געלונגען סיי די רעזשי, סיי די מוזיק, אויף אַ מאָטיוו פון י. ל. פּרצעס פאָלקסטימלעכע מעשה מיטן זעלבן נאָמען „די דריי מתנות״ — אַלענפאַלס מיט פּרצעס גייסטיקע און יידישער טיפקייט און ועל כולם מיט פּרצעס גרויסער אויפפאַסונג פון יידישער מוזיק האָט די „פערפאַסונג״ פון דער מוזיקאַלישער פאָלקס־לעגענדע, קיין סך נישט צו טון.

נישט אַריינרעכנענדיק שוין, וואָס אַ פּעראַנטוואָרטלעכע רעזשי פון אַזאַ מין פאָלקס־שטיק אפילו, ברויך אַליין צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף פּרצן נישט „אויסצושמיקן״ (ביי אַזויפיל דייטש־ריידנדיקע שוישפּילער מעג מען געברויכן אַזאַ דייטש־וואָרט ! . . . ) מיט פרעמדע פעדערן, ווי למשל מיט שלום אַש׳ס „דאָרף צדיק״, מיט אביגדור המאיריס „ירושלים״, מיט אַזאַ „הערליכע״ שפּאַנישע סצענע, און ועל כולם מיט רוסישע קאַזאַטשאָקס, וואָס פּאַסן אין דער מוזיקאַלישע לעגענדע אַריין ווי אַ יון אין דער סוכה ! נישט אַריינרעכנענדיק די און נאָך קלייניקייטן... איז די מוזקי בכלל נישט פּרץ — פּרץ איז נישט וואָדעוויל, מעלאָדראַמאַטיש ; פּרץ איז נישט אָפּערעטן־האַפט סענטימענטאַל, אפילו מיט רעליגיעזן ווייניך און פאָלקס־ליד־בייגעשמאַק ! פּרץ, דער מוזיקאַלישסטער אין אונזער ליטעראַטור — „אויב נישט נאָך העכער״ ! אפשר דער מעלאָדישסטער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

אָבער פּרץ איז דאָך פּרץ ! און אַ זיידן פּליס־פּאַפּירל אין וועלכן אַ שמעקנדיק עפּעלע איז איינגעוויקעלט, פערלירט עס דאָך אויף אייביק שוין נישט זיין עפּל־ריח — ערשט פון פּרצעס אַ שאַפונג געוואַקסן אינם „חקל תפוחין״ ! פון דעם אָנהויב בלויז פון דער סצענע, ווען די חסידים קומען זיך צוזאַם, נאָך אידער דאָס „לעגענדאַרישע״ און דראַמאַטישע הייבט זיך נאָך אָן — בכדי צו זען דעם פּרץ־נצוץ, פאַר די איינציקע רגע איז שוין כדאי אָפּצוזיצן די גאַנצע צוויי שעה אינם טעאַטער.

און נאָך איינס, ווען אפילו דאָס שטיק האָט נאָך מיט ריין יידישע שאַפונגען און קולטור נישט קיין צו גרויסן שייכות (כאָטש פּיפּיקע זשורנאַליסטן סטראַשן שוין, אַז אויב יידן ווילן נישט גיין צו דעם שטיק, ווילן זיי באַשיינפערלעך באַווייזן, אַז יידן ווילן נישט קיין קולטור—און ס׳איז אויס מיט יידישע קולטור ! דער מין זשורנאַליסטלעך האָבן תמיד אַזאַ טענדענץ . . . ) איז אָבער אַלענפאַלס צו גראַטולירן דעם „ניי יידישן טעאַטער״, וואָס יעדער מין שונד איז

TOWER HAMLETS LIBRARIES

פון „די דריי מתנות" אויסגעמיטן געווארן, און עס פילט זיך אויך א געוויסע אחריות און טאקט אין דער גאנצער אויפפירונג.

שוין אז „פריינט פון יידיש לשון" און דער יידישער קולטור־קלוב, האבן גענומען „די דריי מתנות" און פירן עס אויף אינם „פרץ־חודש", אלס צושטייער צו די פרץ־פייערונגען, איז עס דער בעסטער סימן, אז סיי דאס שטיק און סיי די אויפפירונג, לויט די מעגלעכקייט פון אונזער ליבן ווייטשעפל, איז דאך לכבוד של פרץ. ס'איז אלנפאלס נישט קיין פארשוועכונג, חלילה, פאר זיין נאמען! און דאס איז שוין מער ווי עפעס...

---

נ. ב.—דעם דירעקטאריום פונם „ניי יידישן טעאטער" ווילן מיר נאך זאגן לשם עצה טובה: אויב ס'וועט אייך געלונגען צו מאכן גוט יידיש־טעאטער אין ווייטשעפל, זאל קומען א ברכה איבער אייערע קעפ און יעדע מי אייערע איז עס ווערט... נאר אויב איר מיינט צו ווערן „קולטור"־גבאים פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט טראכטן, אז דער נאמען פון א יידישן קלאסיקער קאן אזוי צעקלינגען אין דער גויאישער „פרעסע" ווי א רעפארטישער „קעניג פון לאמפעדוסא", זייט איר נישט אויפן ריכטיקן וועג — ביי גלאקן־שטריק מוז מען וויסן וואו און ווען צוציען . . . האבן דאך אויך אונזערע „ליבלינגע" און „סטארס" אונז געקארמעט גאנצע יארן מיט שונד, מאכנדיק דערביי די „מאטניא", מישטיינסגעזאגט, און געהאלטן אין די לעצטע יארן אין איין קלינגען: קולטור! קולטור!!

ש.

---

דארא דימאנט

## צו דער אויפפירונג פון „דריי מתנות"

פרצעס „דריי מתנות" אויף דער יידישער בינע אין לאנדאן — דאס איז א געשעעניש אין אונזער ארימען טעאטער לעבן דא, און מ'מוז עס קודם כל מיטן גאנצן הארצן באגריסן.

מ'האט וואכנלאנג מיט האפנונג און אומגעדולד געווארט אויף די אויפפירונג. ס'איז געווען קענטיג, אז אלע מיטבאטייליקטע באציען זיך צו דער ארבעט מיט דעם ערנסט, וואס סיי פרץ, סיי בינע פאדערן. א טייל אפילו מיט אחריות, יא, און אפילו סמנים פון מסירת נפש ביי איינצעלנע. אזא צוגאנג אליין שוין, שטעלט דאס נייע יידישע טעאטער אויף אן עקסטרע פלאץ. שוין די ערשטע סמנים אויף דער גאס, די פלאקאטן, האבן אנגעדייט, אז מ'האט דא באטרעטן א נייעם וועג. קיין סימן פון מארק־שרייערײ, פון גרויסקייטס־שגעון, קיין סימן פון אומקולטור. ווער עס האט זיך די אלע יארן צוגעקוקט צו דעם האפנונגסלאזן מצב פון אזא וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע, ווי דאס יידישע טעאטער, דער האט ווידער אנגעפאנגען צו האפן.

צי האט אט דער ערשטער פארזוך, די אויפפירונג פון „דריי מתנות" אין



א וואסער ניט איז מאס דערפילט די דאזיקע דערווארטונגען? פון דעם מיש־מאש פון געפילן און איינדרוקן, זיצנדיק ביי דער פרעמיערע, האט זיך צום סוף לאנגזאם ארויסגעשיילט א בילד, ענליך ווי ביי דער נשמה פארן בית דין של מעלה: ס'ציגגל איז געבליבן שטיין אין דערמיט צווישן גוט און שלעכט, „שרעטעלעך, שטויבעלעך". א מאסע פון גוטע און וועניקער גוטע איינצלהייטן. א מאסע פון גוטע און וועניקער גוטע איינצל־לייסטונגען, איינצל־בילדער, איינצל־סצענעס, פראכטפולע איינצלנע שפיל־מאמענטן (שלמה קאהן), אבער ניט קיין איינהייטלעכקייט אלס גאנצעס, קיין אנסאמבל־שפיל. ס'האט געפעלט דאס געשפאנטע ראד, ארום דער אידייע, וועלכע זאל אויבן אויף דער בינע פאר די אויגן פונם צושויער ווערן אנטוויקלט. און דערצו קומט נאך, וואס דאס יידישע טעאטער איז פון סאמע אנהויב פון זיין געבוירן ווערן ביז צו היינטיקן טאג אזא ציטערדיקע, פלאטערדיקע זאך, אז מ'האט מורא א הויך ווארט ארויסצוזאגן, נאר מ'שעפטשעט און מ'גייט אויף שפיץ פינגער, כדי עס ניט איינגאנצן אוועקצושרעקן.

דאס בעסטע אין דער אויפפירונג איז אן ספק די געזאנגליכע און מוזיקאלישע באארבעטונג, אונטער די לייטונג פון דר. קאוואלסקי. אין א גלייכער מאס זיינען אויך די וויכטיקסטע ראלן פערפעקט, טרעפענד באזעצט:

שלמה קאהן אין זיינעביידע ראלן, אמתע געשטאלטונג. ער פארמאגט דעם זעלטענעם כוח, אז אפילו די שלעכטעסטע, דילעטאנטישסטע בינען־דעקאראציע, ווערט אנגעפילט מיט דער ענטשפרעכנדער אטמאספערע, ווען ער קומט אויף דער בינע. זי וואקסט זיך ארגאניש צענויף מיט דעם בילד, און שאפט א גאנצקייט. איין שאד נאר באמת, וואס ער אליין איז ניט גענוג מבין אויף זיך, און ער באנוצט טיילמאל מיטלען, וואס פארביליקן און פארקלענערן זיין שאפונג. (ער האט עס ווירקליך ניט נויטיק).

קלארא מייזעלס, ווי תמיד א דערקוויקונג אין איר רירנדיק פאלקסטימלעכע ווייבערישקייט. זי פארמאגט א רייכן קוואל פון שטענדיק נייע פארבן, פאר אירע הארעפאשנע געשטאלטן.

פעלא פעלד ברענגט פון נאטור אלעס מיט, וואס איר ראל פערלאנגט. איר פרעכטיק שענער יידיש האט דערפרישט ווי אן אאזע אין א מדבר וואנדערונג.

אויך די ראלן מיט פעלדמאר, קערטעס, מאזנער, ווייס, שפירא—אויסגעצייכענט. עס האט זיך קלאר געפילט א נישקשהדיק געניטע האנט אין צונויפפארן א שוישפילער מיט א ראל. עס איז דעריבער א שאד, וואס די אייגנטליכע הויפט־ראל, די נשמה, באזעצט מיט בערנארד לובינסקי, איז ניט געווען אזא געראטענער זיווג. לובינסקי האט אן אויסגעצייכנטע שטימע, ער האט געהאט רירנדיקע מאמענטן, און זיין גרויסע מי אויסצולערנען אזא ראל אין יידיש, וואס איז קענטיג ניט זיין שפראך, איז געוויס צו באוואונדערן. אבער מ'מוז ליידער פעסטשטעלן, אז קיין יידישע נשמה האט ער ניט רעפרעזענטירט. אין




שלמה קאַהן געצייכנט פון מאָריס סאַכאַטשעווסקי

אונזער פאָלקס־אידעאָלאָגיע איז דער באַגריף נשמה ענג פאַרבונדן מיט דעם נשמה־ליכטל: ציטערדיק־פלאַטערדיק־צאַנקנדיק: דאָס אידלסטע, צאַרטסטע און שרעקעדיקסטע איז אַריינגעוועבט אין איר.

און יעצט אַ פראַגע, וואָס בעט זיך געפרעגט צו ווערן: פאַרוואָס האָט מען די אינסצענירונג אַזוי באַלאַדן מיט אַזויפיל צולאָגן? פרץ'שע און ניט־פרץ'שע. אין דער פולקייט און בונטקייט פון די בילדער האָט זיך קוים אַרויסגעזעען דער גרונדטאָן פון דער פרץ נאָוועלע: פאָלקסטימלעכע מסירת־נפשדיקייט. אמת, עס געפעלט און פאַרווילט. אָבער איז עס ווערט צוליב דעם זיך אָפּצוזאָגן פון דער הויפּט־אויפגאַבע, וואָס דאָס נייע יידישע טעאַטער האָט זיך געשטעלט?



וואָס איז שייך דעם יידיש ריידן, וואָס דער גרעסטער טייל פון די נייע האָבן ניט געקאָנט, און זיי האָבן באַוויזן אין אַזאַ קורצע צייט פאַר זייערע ראָלן זיך אויסצולערנען — וואָס זאָל מען דאָ זאָגן? ס'איז ווירקלעך קוים צו באַ־גרייפן, ווי זיי האָבן דאָס געמאַכט. ס'איז אַ לייסטונג און ס'קומט זיי פון גאַנצן האַרצן אַ לויב דערפאַר. אָבער איז דאָס גענוג אויף צו זיין יידיש טעאַטער? פאַרוואָס האָבן מיר אַליין אַזאַ ביטולדיקע באַציאונג צו זיך, צו אונזער שפּראַך, צו אונזער קולטור? ווי קאָנען מיר דערוואַרטן מיט אַזאַ באַ־ציאונג צי דערוועקן דרך ארץ אין אַנדערע? צי וועט איינעם פון די נייע שוי־שפּילער אין חלום איינפאַלן זיך אָוועקצושטעלן אויף די ענגלישע בינע און שפּילן שעקספּירן אויף ענגליש? צי וועט איינעם פון אונזערע יידישע אַקטיאָרן, וואָס קאָנען אַזויפיל דייטש ווי די נייע יידיש, צי וועט אים איינ־פאַלן זיך אָוועקצושטעלן און שפּילן געטהע אויף דייטש? מיט וואָס זיינען עס יידישע קלאַסיקער בילכער? איך גלויב, אַז אָט די אויבערמאַכט פון יידיש פרעמדע עלעמענטן איז די סיבה, וואָס איינס פון אונזערע יידישסטע קונסט־ווערק איז אַרויסגעקומען אַזוי אומיידיש. דאָס איז אַ פאַקטאָר מיט וועלכן אַ יידיש טעאַטער אין ווייטשעפּל שטייט און פאַלט. מ'קאָן זיך איבער ווייטשע־פּעלער ידן, בנוגע זייערע פאָדערונגען לגבי קונסט טראַכטן וואָס מען וויל,— מ'קאָן אויך אַמאָל איבערראַשט ווערן—אָבער בנוגע יידיש איז ניטאָ קיין מיינונגספאַרשידנאַרטיקייט. ניט ביי זיי און ניט ביי אונז: אויף אַ יידישע בינע אין ווייטשעפּל מוז מען ריידן אַ יידישן יידיש.

אָבער, ווי שוין דערמאָנט: טראָץ די אַלע, ביי אַן אַנהויב אומפאַרמיידלעכע שאַטנזייטן, בלייבט דאָך דער עיקר — דער ווילן צו שאַפן אַ גוט יידיש טע־אַטער. איך מאַך אַ שאַרפע מחיצה צווישן דעם וואָס דער נייער יידישער טע־





ע. פעלדמאַר, פעלאַ פעלד און מ. שפּירא — געצייכנט פון מ. סאַכאַטשעווסקי

אַטער שטרעבט און דעם וואָס ער האָט דערגרייכט; אַ מחיצה אויך צווישן דעם נייעם יידישן טעאַטער און דעם אַלטן טעאַטער דאָ אין לאָנדאָן,—האָט זיך זיצנדיק ביי אַ פאָרשטעלונג ביז יעצט אָפטמאָל אויסגעוויזן, אַז הינטער די קוליסן שטעט דער טייוול און רייבט זיך די הענט פאַר נחת, וואָס ער ברויכט ניט צוצולייגן קיין פינגער און ס׳גליטשט זיך פון זיך אַליין אַזוי שוין באַרג אַראָפּ מיט דער יידישער טעאַטער־קונסט — וועט ער דאָסמאָל — אויב געפינט ער זיך נאָך מחמת אַלטער געוואוינהייט, הינטער די קוליסן — וועט ער דאָסמאָל, זיך צום מינדעסטן קראַצן דעם קאָפּ פאַר פאַרלעגענהייט, און אפשר גאַר זיך רייבן די אויגן פאַר שטוינען. דאָס מאָל איז דאָ אַן ערלעך שטרעבן, אַן אמתער ווילן צו פּרואוון באַרג אַרויף צו. און וואו ס׳איז דאָ אַ ווילן, איז אַ וועג אויך פאַראַן. אָבער נאָר אַ י י ן וועג. אויסדאַכטן קאָן זיך, אַז ס׳זיינען פאַראַן פילע וועגן, אָבער אין אמתן איז דער ריכטיקער וועג נאָר איין איינציקער. מיט אַ געזונטן פאָלקס־אינסטינקט קאָן מען אים געפינען. און אָט דאָס איז עס, וואָס עס בלייבט זיי צו ווינטשן: אַ געזונטן חוש, בייצושטיין דעם נסיון נאָכצוגיין פאַרפירליכטלעך, וואָס לאָקן אויף פאַלשע וועגן, כדי מזיק צו זיין, און צו געפינען דעם ריכטיקן וועג.

---

משה עובד .

## מכוח „די דריי מתנות“

(געווידמעט מיין טעכטערל ימיאל, וואָס איז היינט: 18.3.45, אַלט געוואָרן 7 יאָר).

אין פרילינג 1934, פאָרנדיק נאָך ארץ ישראל, האָב איך געהאַט דאָס גליק צו טרעפן אין דער פירטער קלאַס פון דער שיף אַ יידישע האַרציקע פרוי, אַ לעבעדיקע מאַמע רחל.

זעקס טעג האָט זי נישט גענומען אַ לעפל וואַרעמס אין מויל אַריין, ווייל לויט איר איבערצייגונג איז די קיך נישט געווען געגוג כשר; געלעבט פון טרוקן ברויט מיט וואַסער, און איר געשטאַלט איז געווען אַזוי געלייטערט פון גוטסקייט און ליבליכקייט דאָס אַלע חלוצים און טוריסטן האָבן זיך אין איר געשפיגלט.

נאָר אַלעמאָל האָט זי געגעבן אַ טיפן זיפץ, ווי אַ שיף זינקנדיק אין תהום אַריין.

פרעג איך זי:

„ווער זענט איר און פון וואַנען קומט איר איצט?“

ענטפערט זי מיר אין מיין מאַמעס יידיש:

„איך שטאַם פון פוילן. אַלץ יינג מיידל בין איך אַריבער נאָך דייטשלאַנד און דאָרט אָפּגעלעבט 25 יאָר? אוי!“

פרעג איך זי וויטער:



„ איר האָט דאָך אַזויפיל פרייד אין די אויגן, טאָ פון וואו נעמט זיך צו אייך אַזוינע טיפע זיפצן?“

ענטפערט זי מיר:

— פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט פרייען מיר פאָרן דאָך צוריק אַהיים. מיין מאַן און פיער קינדערלעך זיינען אויך דאָ אויף דער שיף און געלויבט צו גאָט דערפאַר. נאָר מיין האַרץ איז מיר אַזוי שווער דאָס איך מוז אַלע מאָל אָבזיפצן. נישט פאַר מיר איז עס שווער, נאָר פאַר מיין מאַן, איך האָב פאַרדינט צו ווערן געפּלאָגט. איך בין דאָך אַ כשרע יידישע טאָכטער. אין מיין לעבן נישט מחלל שבת געווען און נישט טועם געווען קיין טריפות. איך האָב פאַרדינט די נאַציס זאָלן מיך און מיינע קינדער פייניקן. מיין נשמה איז דאָך אַ ריינע. אָבער מיין מאַן?! מיין מאַן?!

— געבוירן אין דייטשלאַנד, געווען אַ מוירער, ער קען קוים דאַווענען, עסט טריפות און אַרבעט שבת. וואָס האָבן זיי פון אים געוואָלט? מיט וואָס האָט ער זיך ביי זיי פאַרזינדיקט? עס איז דאָך גאָטס רחמנות צו קוקן אין זיינע אויגן אַריין ווי ער ליידט! ווי ער ליידט! און ווייס נעבעך נישט פאַרוואָס. איך וואָלט געוואָלט וויסן מיט וואָס האָט ער זיך ביי זיי פאַרזינדיקט. אוי!

אין דעם אינצידענט האָב איך זיך דערמאָנט די טעג, זיצנדיק אין טעאַטער צו דער פרימיערע פון „די דריי מתנות“.

פיר מאָל האָב איך געזעען פרצעס „די דריי מתנות“, און יעדעס מאָל נעמט עס ביי מיר מער אויס.

נאָך מער ווי די שיינע בילדער און סצענעס און ווי דאָס שפּילן פון דער פיינער מוזיק.

נאָך מער ווי דאָס ערשט־קלאַסישעס שפּילן פון שלמה קאָהן, פון קלאַראַ מייזעלס, פון פעלא פעלד און פון הערלעכן טאַנץ פון דער גוטער טענצערן. נאָך מער ווי די פּראַכטפולע פאָלקסטימלעכע לעגענדע און אפילו ווי די פּאָעזיע פון פרצן ווער איך ענטציקט פון „די נשמה“, אָט פון „די נשמה“, געשפּילט פון דעם אייראָפּעאישן יידן בערנאַרד לובינסקי. ווייל דורך זיין שפּילן און אויסזעען ווערט ענטפּלעקט פאַר מיר די סאַמע טיפעניש פון צער פון מיליאָנען יידן, וואָס זוכן נישט נאָר אַ תיקון פאַר זייער נשמה, נאָר זיי זוכן זייערע נשמות גופא, וואָס זיי האָבן שוין פאַרלאָרן.

זיי האָבן נישט דאָס גליק פון אונזערע פוילישע קדושים וואָס האָבן געפינען אַן אָנלען אין זייער גלויבן, געהערט אין זייער שמע ישראל אַ בת קול פון טרייסט, געזעען קדושה אין אַביסל ארץ ישראל ערד, אַ הימעלע אין קאָפּעלע... די דייטשע און אייראָפּעאישע אַסימילירטע יידן, זיי האָבן דאָך אַלץ פאַרלוירן: לשון, נשמה, האָפנונג, בענקעניש, אַלעס. אָבגעגאָלט נישט נאָר פון באָרד נאָר פון גאָט! על אלה אני בוכיה—אויף זיי וויין איך, ווען איך קאָן שוין מער נישט שטיקן אין זיך.

זיכער איז עס, דאָס לויט די געזעצן פון דער דראַמע וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ היימישן ייד, אַ יידעלע מיט באָרד און פּיאות און מיט אַלע פּיטשעווקעס ער זאָל שפּילן די ראָלע פון אַ נשמה, וואָס איז נע־ונד, אום צו פאַרשאַפן אונז לאַנדאַנער יידן אַנגענעמע פאַרווײלונג. זאָג איך — נישט ר׳ לוי יצחק מבאַר־דיטשעוו! — אַ כפּרה די געזעצן פון דער דראַמע! אַ כפּרה אַנגענעמע פאַר־ווײלונג! עס איז פיל וויכטיקער צו האָבן פאַר זיך דעם צעבראָכענעם שפּיגל פון אונזער גרויסן בראָך! אונזער אונבאַגרייפבאַרן חורבן.

גייט ענגלישע יידן אין טעאַטער אַריין. זעט! זעט מיט 1945 אויגן די נשמה — זעט זיך אַליין.

---

א. נ. שטענצל

## פרילינג היי־יאָר

1.

פינסטערע סוף־חודש־נעכט קומען סמוטנע אָן,
מרה־שחורה׳דיק געהילט אין שוואַרצן קרעפּ,
אונטער די פּאַכוועס פאַרבלוטיגטע זיי טראָגן,
פון די נעקעפּטע די אָפּגעהאַקטע קעפּ —

ווי עס פינקלען דאָס, אויפגעריסען און גרויליך,
גליאיקע בליקן פול עקל און פעראַכט — —
אָ, ווער קאָן דען אויסציילען די שטערן היי־יאָר,
פינסטער אויפגעגאַנגען אין אַ פרילינג נאַכט.

און מיין קאָפּ אין דיינע הענט אַז וועסט אים נעמען,
מיין בליק וועט צעפונקלען מיט חשד און מיט וויי:
קאָנסט דו אים דען מרה־שחוריק אַזוי האַלטן,
אַז בלייבן ר׳זאָל נישט געציילט — איינער פון זיי.

2.

אָ נישט ליגנט געזאָגט ס׳האָבן מיר די שטערן,
ווען נאַכט פאַר נאַכט דעם גורל ביי זיי געפרעגט,
ווי אַצינד איבער מיין קאָפּ זיך אַדורכגעוווּנקען,
און מיין האַרץ מיט בייזע אַנונגען באַוועגט.

נישט דער הימלישער „וואָגן" ליכטיק אויפגעגאַנגען —
אַזאַ מתים־עגלה איז עס געוועזן!
אין יענע נעכט,— יענעם פרילינג שוין דעם ערשטן, —
וואָס קומען ס׳וועט כ׳האָב שוין דעמאָלט געזען.



ניין, נישט ליגנט געזאָגט האָבן מיר די שטערן,
נאָר צוויי הענט,— דאָס טוליענדיקע וואָס אין זיי! —
אין די שטריכען זייערע איך האָב געלעזן,
אין זון צעטוויטשעט האָט׳ס מיט פייגל־געשריי . . .

3.

נישט כ׳הער היי־יאָר דאָס געשוויטשער פון די פייגל,
און נישט איך זע אויצט אויף די צווייגן דעם צווייט:
אַז געקוילעט כ׳בין נישט מיט אַלע אינאיינעם
מיט זיי אין קבר כ׳בין לעבעדיק פאַרשיט.

ווי בלינד ס׳שטרעקן זיך מיינע טאַפּנדיקע הענט,
מיינע ליפּן שעפּטשען נעמען אין דער שטיל — —
ניין, נישט טרערן זיינען עס וואָס שטיקן אין האַלדז,
די שיטנדיקע ערד אין קעל שוין איך פיל —

אַ בלוטיקער שפּאַרעל אין דער ערד געשטאָכן,
איבער מיין קאָפּ פרילינגדיקער זון־אויפגיי!
אַז כ׳בין נישט נעקוילעט מיט אַלע אינאיינעם,
אַ פאַרשיטער אָבער אין קבר מיט זיי.

4.

אין בינטלעך געבונדן די ווייסע שניי־גלעקלעך,
זיי וואַקסן דאָך נישט פון גראָז אַזוי אַרויס?
ס׳האָט מסתם ווער אַנידערגעלייגט זיי אָקאָרשט,
גלאַנצט דאָך נאָך אויף זיי יעדע טרער אַזוי גרויס.
אונטער דיביימער פאַרשווונדענע שטייען דאָך,
שוואַרץ־געהילטע און צעציטערט מיט געוויין,
זיי האָבן דאָס די בינטלעך געלאָזט דאָ ליגן
אַ צייכן אַ לעצטן פאַרן אַוועקגיין — —

ווי אומעטיק טרויערים און ווי בלולעך בלייך
ווייסע שניי־גלעקלעך אין זוניקן אויפגיי — — —
אָ, נישט פון פרייש געפאַלענע פרילינג טויען,
ס׳איז דאָך פון טרערן דאָס געפונקל אין זיי.

## דער גערעטעוועטער פּוילישער רב
(אַ פּסח־באַלאַדע)

פון תעניתים פאַסטן, ענויים קשים
איז נאָך נישט געשטאָרבן קיין אמתדיקער ייד;
מ׳ציט דעם גאַרטל איין, מ׳בייגט דעם קאָפּ אַראָפּ
און אין האַרץ ס׳פינטעלע נאָך פייערדיקער גליט.

אָבער קאָן מען דען נישט אַראָפּ פון זינען,
אָן כזית מצה די ערשטע פּסח־נאַכט — — —
לויפט טאָקע אַרום אַ משוגענער רב,
וואָס גרעסער דער חורבן — הילכיקער אין אים ס׳לאַכט!

און אין דער לבנה־נאַכט, ווען זי ווערט פול,
איז פון אַלע דערפער אַ צוזאַמענגעלויף:
זי אַראָפּצונעמען,—אַ מצה שמירה! —
אויפן טורעם שפּיץ פון קאָשטשאָל קריכט ער אַרויף.

און ס׳געבן אים ד׳גויים חזיר צו עסן —
זייער הנאה דערפון איז געוואַלטיק גרויס!....
און אַז אַ ייד זעט אים מיט קאָלבאָס אין מויל,
נישט ער שלינגט די סלינע, ער וויינט זיך גוט אויס —

איבער די משוגע־אויגן דער ספּאָדעק,
די זיידענע זשיפּעצע צעריסן, צעפליקט,
די געסטאָפּאָ צעלאַכט זיך זעענדיק אים:
„כאַ־כאַ־כאַ, דער איז שוין אינגאַנצן פערריקט!“

לאָזן זיי אים אַרומלויפן אין שטעטל,
צום צער פון די יידן, פאַר די גויים צום שפּאָט;
ווען אַלע יידן ז׳האָבן אויסגעקוילעט,
איבערגעלאָזט זיי האָבן אים אויף גאָטס בעראָט.

ניין, חזיר געבן אים נישט מער די גויים,
זיינען דאָך קיין יידן שוין נישטאָ ז׳זאָלנס זען . . .
אָבער, ווי זינדיק מענטשן זאָלן נישט זיין,
גאָטס גרויסע נסים אין דער וועלט ווייטער געשעען.
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —



נישט נאָר מיט טאַנקס, מיט האַרמאַטן, מיט באָמבערס
יום־טובדיק עס קומט אָן פון זיגער אַן אַרמיי,
פעקלעך מצה פאַר די יידן אויף פּסח,
מיט זיך אין זייערע שווערע טאַנקס פירן זיי — — —

אין אינמיטן האַלבער נאַכט, אין ליל שמורים,
ווען אָן פּגימה פול, די לבנה האָט געשיינט,
פון קאָשטשאָל אַראָפּ דער משוגענער רב
האָט זיך אַזוי מענטשלעך איבער דער וועלט צעוויינט.

נישט נאָר האָט ער זיי, די זיגער־באַפרייער,
דער ערשטער פון טורעם־שפּיץ דערזעען פון דער זייט,
דער ריח פון דער פרישער מצה ר׳האָט דערשפּירט,
און זיין האַרץ איז געוואָרן באַפרייט און דערפרייט — — —

עלעק וואַטעמאַן

## יידיש־סאָוויעטישע פּאָעזיע אין דער פּעריאָדע פון דער גרויסער פאַטערלענדישע מלחמה

דאָס איז ניט קיין פאַרזוך צו מאַכן אַ קלאָרע און גענויע אָפּשאַצונג פונם יידישן שאַפן אין סאָוויעט רוסלאַנד פאַר די לעצטע דריי און אַ האַלב יאָר. ערשטענס זיינען די נויטיקע מאַטעריאַלן ניט פאַראַן פאַר אַזאַ גענויער אַנאַליזע. און צווייטנס איז דער „געוועלב“ לויט וועלכן אַזאַ אָפּשאַצונג וואָלט זיך געדאַרפט באַזירן, נאָך „צווישן הימל און קאָוואַדלע“, ד. ה. ס׳איז אין פּראָצעס פון פאָרמאַציע, פון ווערן און אָנטון זיך בלוט און פלייש, אין פּראָצעס פון אָננעמען אַ פאָרמע און קריגן אַ קאָליר.

מ׳קען אָבער אין גאַנץ ברייטע שטריכן אָנצייגן אַ טענדענץ, מאַכן אַ ציטווייליקע אָפּשאַצונג, אָנווייזן אַ ריכטונג אויף וועלכער ס׳האָט זיך פאַרנומען די יידיש־סאָוויעטישע פּאָעזיע אין אָט די בלוטיקע און העראָאישע פּעריאָדע פון די סאָוויעטישע פעלקער קעגן דעם דייטשן פאַשיזם.

איידער מיר טרעטן צו צום עצם ענין איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אויף אַ ווײַלע אויף דעם הינטערגרונט פון אָט די מלחמה׳דיקע יידישע פּאָעזיע, ווייל ס׳איז אָן צווייפל אַז מ׳קען עס אַנדערש ניט אָנרופן ווי מלחמה׳דיק. קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט אָדער אין דער געשיכטע פון אונזער ציוויליזאַציע, האָט ניט דורכגעמאַכט אַזאַ בלוטיקע העראָאישע עפּאָפּייע, ווי עס האָט דורכגעמאַכט דאָס סאָוויעטישע פאָלק זינט דעם 22־טן יוני 1941.

קיין פאָלק האָט ניט געקעמפט און אַזוי פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זיינע בעסטע זין און טעכטער ווי דאָס האָט געטון דאָס רוסישע פאָלק — אויף קיין איין אָפּשניט פון אָט דעם מולטי־פעלקערליכן לאַנד האָבן די היטלער־

רוצחים אזוי פיל ניט געלאָזט זייער צאָרן און פּיין, ווי קעגן דעם יידישן טייל פון די סאָוועטישע פעלקער. קיין אנדער פאָלק האָט זיך ניט אזוי פייערדיק געלאָזט אין קאמף — אזוי געאייניגט זיך געוואָרפן אויפן שונא ווי דאָס סאָוועטישע פאָלק, און בתוכם דאָס יידשע פאָלק.. אזוי אז אין די בלוטיקע נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונג פון צוריקוואַרפן און צושמעטערן דעם שונא זיינען געשטעלט געוואָרן אין דינסט אַלע פאַקולטעטן פון פאָלק.

ניט בלויז זיינע האַרמאַטן און קוילן וואַרפער, זיינע סובמאַרינען און לופט־פלאָטע, נאָר אויך זיין וויסנשאַפט און קולטור. אויך די פען פון שרייבער וואָס איז פארשאַרפט געוואָרן צום שפּיץ פון א שאַרפע שפּיז, וואָס איז געריינ׳קט געוואָרן ביז די שטאָל־בליאַסק פון א באַיאָנעט, אָט די פען די שרייבערישע איז פריי און ווילינג געשטעלט געוואָרן צום דינסט פון פאָטערלאַנד צום דינסט פון סאָציאַליזם, אין קאמף קעגן דעם בלוטיקסטן שונא פון דער מענטשהייט, דער ביטערער אויסראָטער פון דעם יידישן פאָלק. דערפאַר איז אָט די פאָעזיע נעוואָען און איז א מלחמה׳דיקע פאָעזיע, דורכגעדרונגען מיטן האַס און צאָרן פונם סאָוועטישן פאָלק, פונם סאָוועטישן יידן. און ווען דיין הויז ברענט, פאַרנעמט זיך ניט דער פייערלעשער מיטן פוצן די פייערלעשערישע כלים — נאָר ער נעמט זיי אָט אזוי ווי זיי זאָלן ניט זיין און לעשט דעם פייער — אזוי אז ווען דו ווערסט אָנגעגריפן פון א ברוטאַלן פיינט זוכסטו ניט דיין ספּעציעל געשליפענע שווערד אָדער דיין פּערל באַפּוצטן רעוואָלווער — נאָר דו פאַרטיידיקסט זיך מיט יעדן געווער, מעג עס זיין א גוטער שטאַרקער פען־שפּיז.

דערפאַר וועט איר אין אָט די פאָעזיע ניט אָנטרעפן אזוי פיל אויף די געפּוצטע און געשליפענע ליניע, ניט די געקינסטעלטע פערז און מעטר פון פאָעט וואָס זיצט רואיק און שרייבט אין שלום צייטביים אָפענעם פענסטער: „אָ ווי לאַנג דער שאָטן פון טאָג ווערט בלאַסער“, נאָר די ווערטער פון חיים גראַדע געשריבן אויפן פראָנט, אָחער די ליניען פון קושניראָוו אָדער דער נסתר געשריבן אונטערן איינדרוק פון די היטלערישע רציחות. דערפאַר האָט זיך אָט די יידיש־סאָוועטישע פאָעזיע גענומען וואָס דער ענגלענדרע רופט „פאָעטיקאַל לייסענס“, פאָעטישע „חוצפה“ און מיט אָט די „חוצפה“ גערופן און געוועקט דאָס פאָלק אין קאמף קעגן דעם בלוטיקן שונא.

דריי גענויע טענדענצן מערקן זיך גאַנץ גענוי און בולט אין די פאָעזיע פון די דערמאָנטע עפּאָכע.

ערשטנס די העראָאישע טענדענץ, דער רוף, דאָס וועקן, דער שאַל און בלאָז פון טרומפּייט! ווי אין איציק פעפערס „די שבועה“ (איינציקייט דעם 27־טן יוני 1942):

איך שווער ביי דער ליכטיקער זון ביי די שטויננענדע שטערן,
איך שווער היינט ביי אַלץ וואָס א פּשוטער מענטש קען נאָר שווערן,
איך שווער ביי די הערצער וואָס זידן אין שלאַכט און קאָכן,
איך שווער ביי די שטאַמען פון גליק, וואָס דער פיינט האָט צובראָכן,



איך שווער ביי די ווערבעס וואָס שטייען ביים דניעפּר נעבויגן,
איך שווער ביי דעם בלוט, ביי דעם אומרו פון מיינע צוויי אויגן.
מיין האַס וועט ניט אויסגיין, מיין צאָרן און קעלט וועט ניט קילן,
ביז כ׳וועל אויף מיין אָרעם דאָס בלוט פונם פיינט ניט דערפילן.
אָט דאָס איז די שבועה וואָס כ׳שווער היינט ביי די ערד און ימים
מיין אור־אַלטן פאָלק, מיין טאַטן, מיין מאַמען.
אויב כ׳וועל דעם פיינט פון מיין הייליקער ערד ניט פאַרטרייבן,
אז ס׳זאָל פון דעם שוידער קיין שריד ופליט ניט בלייבן,
זאָל ווערן צום אייביקן שאַנד־סלופּ געפעסטיקט מיין נאָמען
דעם אש פון מיין לייב זאָל די ערד־קויל ניט אויפנעמען, אמן!

אָדער מ. כאַשטשעוואַצקים „א טויט דעם פיינט“ פון דער זאַמלונג פון זיינע לידער „פון אַמאָל און היינט:

ווי א געפיל האָב איך אין האַרצן געטויט
און קיין שום טרוים איך האָב ניט מער פון היינט
אין צאָרן־רוף מיך אומעטום באַגלייט
א טויט דעם פיינט! א טויט, א טויט דעם פיינט!

אין שלאַכט אַרויס! אַרויס די שווערד פון שייט!
אויף טויט און לעבן גייט דער קריג דאָ היינט
איז ניט געזאַמט! פאָרויס! געוואַגטערהייט!
א טויט דעם פיינט! א טויט, א טויט דעם פיינט!

אָדער די פאָעמע „האַס“ (פון דער זעלבער זאַמלונג):

אָ, האַס דו הייליקער כ׳בין איבערזאַט,
פול מיט דיין גיפט ווי א סם אַרום האַרצן,
איך וויל היינט זיין א קויל פון א האַרמאַט
אויף קעפּ פון פיינט צו פאַלן, ווי א בליץ
אָ, מוטער היימלאַנד, נעם דאָס לעבן מיינס,
אויב נאָר דו דאַרפסט עס צוליב רום און גליק.

אָדער ש. האַלקינס ליד „באַצאָלן וועט דער פיינט!“ (איינציקייט דעם 15־טן יולי 1942):

באַצאָלן וועט דער פיינט פאַר אַלץ מיטאַמאָל
פאַר גאָר דאָס בייז, וואָס ער האָט טון באַוויזן,
באַגיסן וועלן אים מיט טייכן גליענדיקן שטאָל
אינגלופטן פליענדיקע ריזן.
און פון דער ערד און — ביז דער העכסטער, ריינסטער הויך
וועט פון זיין „חורבן אויפגיין דער שוואַרצער רויך.

אָדער פּרץ מאַרקישעס פאָעמע „א שבועה אויפן קבר פון פאַרפייניקטן רויט אַרמייער“, פונם בוך „פאַר פאָלק און היימלאַנד“:

באַשאָטן האָט די ערד דעם קאָפּ מיט אש

מיט טרויער זיך פארדעקט האָבן די פּאַטעטליכע ווייטן
נאָר דו האָסט אויפגעלויכטן דרייסט, אָן רעש.
אנטקעגן הענקער דיינע ביזטו געשטאַנען שטאָלץ
און מיטן לעצטן דעך געשפּיגן זיי אין פּרצוף
געשטאַנען צוגעבונדן צו אַ בוים
ווי פּראָמעטיי צום פעלד מיטן העלן בליק צום ווייט!

כ׳וואָלט געקענט ציטירן אַן אַ שיעור פון פּילע לידער ווי אַט די טענדענץ קומט צום אויסדרוק, צו רופן, וועקן. ווי דעם פּאָעט׳ס פּען ווערט גאַנץ בולט דער שאַרף פון שפּיז, דער פייער פון קאַנאָן.

די צווייטע טענדענץ איז געווען (און וועגן דעם אליין וואָלט מען געקענט פילע אַרטיקלען שרייבן) אָן אומקערן זיך — אַ זוכעניש אין אונזער פאַרגאַנגענעם העראָאישן עבר. אַ פּאַראַלעל זוכעניש — דאָס איז שוין געווען אַ מער געשליפערטער זוכערישער פּראָצעס — פון אויסברוקירן און אויססאָרטירן אין אונזער געשיכטע, די געשיכטע פון יידישן פאָלק איז דאָך ניט בלויז פול מיט ליידן און פּיין. זי איז דאָך צו דער זעלבער צייט פול מיט העראָאיזם, מיט קאַמף פאַר יושר, גערעכטיקייט, אמת און פרייהייט. ווייל אַט די אַלע אני מאמינ׳ס זיינען דאָך אָן דעם לויף פון אונזער געשיכטע געווען די מיט־מוטערס און אַקושערינס פון אונזער קיום און עקזיסטענץ. ווייל ווי זיי לעבן, לעבן מיר יידן אויך, און ווי פרייהייט גייט אונטער גייען מיר אונטער מיט איר. פרייהייט איז דאָך אַלעמאָל געווען דער מאַקסימום פון אונזער קיום — און פרייהייט עקזיסטירט ניט אָן קאַמף דערפאַר.

דאָס אומקערן זיך צום שורש, צום קוואַל פון אונזער עבר, איז געווען אַ פּראָצעס וואָס האָט זיך ניט בלויז אָפּגעשפּיגלט אין דער יידישער פּאָעזיע און שאַפונג נאָר אויך אין די גאַנצע סאָוויעטישע ליטעראַטור פון אָט דער פּעריאָדע. מ׳האָט געזוכט און געפונען אוצרות ניט בלויז אין די געגענוואַרטיגע העראָאישע עפּאָכע נאָר אויך אין די נאָנטע און ווייטע פאַרגאַנגענהייט פונם פאָלק.

און די יעניגע וואָס שאָקלען קלוגעריש מיטן קאָפּ, און פאַרציען דעם שטערן פול מיט זאָרג וועגן אָט די טענדענץ, קען מען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אַ פאָלק וואָס איז זיכער מיט זיין צוקונפט, און ווייסט ווו אָט די צוקונפט פירט, שרעקט זיך ניט פאַר זיין עבר. דאָס איז ניט אַ רעאַקציאָנערע פּשט׳לען זיך און גריבלען זיך אין די טונקעלע קוואַלן פון „אַמאָל איז געווען" דאָס איז ניט אַ לויפן צוריק אין בית המדרש זיך איינהילן אין טלית און פּרובירן דערמיט אויסשליסן און פאַרגעסן די ברוטאַלע געגענוואַרט, אַ מין מאָדערנער „עסקייפּיזם", נאָר גראַדע פאַרקערט, אַ דיאַלעקטישער גיין פאָראויס געשטאַרקט און פאַרזיכערט מיט דער פאַרגאַנגענהייט. אונזער געשיכטע איז געווען אַ העראָאישע, אַ קעמפערישע, אונזערע חשמונאים האָבן זיך געשלאָגן קעגן טיראַניי. מיר שלאָגן זיך קעגן אַ טיראַניי און מיר וועלן זיכער זיגן. אָט אַזוי איז דער צוגאַנג. (סוף פונם אַרטיקל אין קומענדיקן העפטל)



# פון יידישן פאלקס-מויל

## וויטצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

גע׳הערט, געקליבן און בעאַרבעט דורך שלמה גאלדענבערג

ד.

### 12. יידישע אסימילאציע

יידן אַסימילירן זיך געוויס אָבער נישט אַזוי שנעל ווי מאַנכע מיינען: צו־ערשט אַסימילירט זיך ביי זיי דער קאָפּ; נאָכדעם דאָס האַרץ און גאָר צום לעצטן דער מאָגן! (ש. לעווין).

### 13. א ביליקער ליגן...

צוויי יידן פאָרן אין אַ צוג און צורייִדן זיך וועגן מסחר. פרעגט איינער דעם צווייטן: ווי האַלט עס ביי אייך מיט קאַרטאָפל, ציבעלעס וכדומה?

ענטפערט דער צווייטער:—ביי אונז איז אַלעס שפּאָט ביליק!

— דהיינו?

— ביי אונז איז קאַרטאָפל אַ קאָפּיקע אַ פונט און ציבעלעס אַ גראָשן!....

— אָבער דאָס איז אונמעגלעך!... ס׳איז דאָך סוף זומער, קאַרטאָפל איז כמעט נישט בנמצא!

— זעט איר דאָך!"

— ס׳איז פשוט אַ ליגן!

— אפשר איז דאָס אַ ליגן, אָבער זאָגט אַליין: קאַרטאָפל אַ קאָפּיקע און ציבעלעס אַ גראָשן, ס׳איז דאָך, בנאמנות, ביליק וואָס ביליק הייסט!.... (א. אידעלסאָן).

### דריי מאל שוויצן

אַ יינגער שרייבער, אַן אָנפאַנגער האָט אַמאָל געפרעגט ביי אחד העם׳ן פאַר וואָס קומען ביי אים אַרויס די זער ערנסטע, טיפע אַרטיקלען אַזוי שיין געטאַקט און גלאַטיק. אחד־העם האָט אַ טראַכט געטון און געענטפערט מיט אַ שמייכל: „ווייל איך שוויץ דריי מאָל איידער איך גיב איבער אַן אַרטיקל צום דרוק.... דאָס ערשטע מאָל שוויץ איך בשעת איך פאַרטראַכט דעם אַרטיקל; דאָס צווייטע מאָל. בשעת איך שרייב אים אָן און דאָס דריטע מאָל כדי אַרויסצוטרייבן דעם שוויס פון בידע ערשטע!....

### 15. צוויי אין שפאן

איך האָב אַמאָל אין אַ געשפּרעך געפרעגט ביי דר. חיים ווייצמאַן, פאַר וואָס עס קומען פאַר רייבונגען צווישן אים און אַ צווייטן באַרימטן מיטגליד פון דער ציוניסטישער לייטונג... דר. ווייצמאַן האָט מיך שווייגנדיק אָנגעקוקט

אַ פּאָר מאָל און נאָכדעם אַ פרעג געטון: „פאַרשטייט איר עפּעס בעל־עגלה לשון?“ . . .

איך האָב זיך אַביסל צעמישט פון אַזאַ פראַגע און געענטפערט: „וואָס איז שייך!“

—„נו, וועל איך אייך ענטפערן: אַז מען שפּאַנט איין אין וואָגן צוויי פערד מוזן זיי זיין גלייכע, אָבער אַז מען שפּאַנט איין פון איין זייט אַ דראַנ־זשעק * און פון דער צווייטער זייט אַ „געניאַדע“ ** קען דער וואָגן זיך נישט רירן און אויב יאָ — קען ער ווייט נישט גיין!“....

## 16. ווי א מענטש שטעלט זיך!

צוויי ברידער האָבן אין איין וואָך חתונה געהאַט מיט צוויי חברטעס פון אַ נאָנטן שטעטל און צו דער היגער קהלה זיינען צוגעקומען צוויי נייע בעלי־בתים. עס איז געקומען ערב שבת רופט זיך אָן דער עלטערער ברודער צו זיין פרוי: מיין פרוי, מאָרגן האָבן מיר דעם ערשטן שבת. מיר וועלן מיט גאָטס הילף האָבן פאַר אונז אַ סך שבתים. לאָמיר דערפאַר קאַרגן און מאַכן אַ אָרימען שבת... אַז גאָט וועט העלפן און פרנסה וועט זיין בריוח וועלן מיר ממלא זיין און מאַכן שבת כיד המלך!... זיין פרוי האָט אויסגעהערט און האָט געפאָלגט איר מאַן.

דעם זעלבן פרייטיק האָט דער יינגערער ברידער געזאָגט צו זיין פרוי: מיין פרוי, עס קומט דער ערשטער שבת. מער קיין ערשטן שבת אַלס בעלי־בתים וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט האָבן לאָם מיר דעריבער מאַכן אַ שיינעם שבת, ווי מיר פאַרמאָגן און אַז גאָט וועט העלפן און חיונה וועט ניט פעלן, וועלן מיר נאָך פאַרבעסערן און ממלא זיין אויפן בעסטן אופן. אויך זיין פרוי האָט געפאָלגט איר מאַן.

---

אַלע פרייטיק נאָכמיטיק קומט אַראָפּ אליהו הנביא פון הימל פאַרשטעלט אַלס אַן אורח און שבת אָוונט גיט ער אָפּ חשבון פאַר דער פמליא של מעלה וועגן דעם ווי ידן האַלטן שבת און ספּעציעל ווי נייע בעלי־בתים נע־מען אויף זייער ערשטן שבת קודש. אויך דעם פרייטיק איז אַזוי געווען.

מורא האָבנדיק אַז אַן אַלטער בעל־הבית, אַ מכניס אורח, זאָל אים ניט איינלאַדן צו זיך, האָט אליהו הנביא זיך אויסבאַהאַלטן ביז ווייט נאָך קבלת־שבת און ערשט נאָכדעם אַוועק זען וואָס מאַכן די נייע בעלי־בתים.

אַריינקוקנדיק אין פענסטערל פון עלטערן ברידער האָט ער דערזען, אַז דאָס פאָרפאָלק זיצט ביי דער רובע און דרימלען. אויפן טיש זיינען געווען שיריים פון אַ קאַרטאָפל־זופּ און פון אַ מייערן־צימעס. ער האָט געפרובט אַ

---

* אַ יינגער פערד, אַ לאָשאָק, וואָס רייסט זיך פאָראויס.

** אַ עלטער פערד, אַ פוילענצער, וואָס שטעלט זיך אָפּ אָפּ אין מיטן, וויל זיך אָפּרוען.



קלאַפּ טון אין טיר, אָבער קיינער האָט אים נישט געענטפערט און ער איז אַוועק פון דאָרטן פיל מיט צער און בושה.

גאָר פאַרקערט איז געווען ביים יינגערן ברידער. ווי נאָר אליהו הנביא איז אַריין אין זיין געסל, האָט ער שוין פון ווייטן געזעען די שיין פון אַ גרויסן לאָמפּ און האָט דערהערט דאָס קול פון איינעם וואָס זינגט זמירות מיט גרויס נחת־רוח. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און דאָס יינגע פאָרל האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. זיי האָבן אים מהנה געווען מיט גוטע געשמאַקע פיש, מיט פלייש און פלאָמען־צימעס און האָבן אים בעזאָרגט מיט אַ שיינעם ריינעם געלעגער.... ביי זיי איז אליהו הנביא טאַקי פאַרבליבן אַלס אורח דעם גאַנצן שבת.

---

שבת אָוונט האָט זיך אליהו הנביא האַרציק געזעגנט מיט דעם יינגן פאָרפאָלק און איז אַרויף אין הימל, וואו מען האָט שוין געוואַרט אויף זיין חשבון וועגן די צוויי נייע הייזער, וואָס זיינען צוגעקומען די וואָך אין דער קהלה. אליהו הנביא האָט איבערגעגעבן באריכות אַלץ, וואָס ער האָט געזען ביי דעם יינגערן ברודער בשעת זיין פאַרברייגען דעם שבת און האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל אים באַשטימען צען רובל אַ וואָך פאַר זיין בטחון אין גאָט. אָבער וועגן עלטערן ברודער האָט אליהו הנביא געשוויגן...

— נו, און וואָס מכוח דעם עלטערן ברודער? וואָס איז זיין קצבה? האָט מען פון אַלע זייטן גענומען פרעגן ביי דעם שווייגנדיקן אורח לשבת.

— רבונו של עולם! רופט זיך אליהו הנביא אָפּ מיט אַ ציטערנדיקער שטימע,—אויב דו ווילסט הערן דיין קנעכט, איז מיין פאָרשלאָג אים אינגאַנצן אַרויסצולאָזן פון דעם „ספר פרנסה וכלכלה“ . . . אַ שאָד דאָס פּאַפּיער פאַר אַריינשרייבן אים אין הויזגעזינד. אויף קאַרטאָפל אויף שבת וועט ער שוין במילא פאַרדינען! . . .

דער רבונו של עולם האָט אַ שאַרפן קוק געטון אויף אליהו הנביא, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים מיט גרויס הכנעה, און האָט צוגעשטימט צו זיין **ציינונג**.

דערויף זאָגן מענטשן: ווי אַ מענטש שטעלט זיך אַזוי העלפט אים גאָט!...
(פון מיין מאַמען).

## 17. שפּריכווערטער

— אַז מען גיט נישט יעקבן גיט מען עשון.
— אַז מען קלינגט איז אַ חגא....
— אַז מען שטעלט נישט איין אין קאָן — נעמט מען נישט אויס!
— אַז מען לעבט מיט חשבון — שטאַרבט מען מיט ודוי.
— אַז מען איז נישט פויל האָט מען אין מויל.

---

* דאָס ערשטע געלט וואָס מען שפּאָרט אָפּ פון עסן.

— בעסער דער אָפּטער גראָשן, איידער דאָס ווייטע קערבל.
— געבענטשט זיינען די הענט וואָס טון אַליין.
— דאָס ערשטע געלט, איז קישקע געלט *.
— די קישקע [illegible] מזל.
— נויט ברעכ[illegible]יזן.
— אַ רוח אין דעם געלטס טאַטן אַריין.
— ס'איז בעסער אין דרויסן איז „קעשאַוואַטע" ** און אין קעשענע איז אַדעס, איידער אין דרויסן איז אַדעס און אין קעשענע „קעשאַוואַטע" . . .

אייניקע פּרץ-נאָטיצן

## צו א. מ. פוקס אַרטיקל

מיר האָבן נישט געשטריכן די שטעלן מיט וועלכע מיר זיינען בשום אופן נישט מסכים — דער גרויסער יראת־הכבוד, וואָס מיר האָבן צו די שאַפונגען פון י. ל. פּרץ, ברייננגט ממילא מיט זיך מיט צו אַכטן די אַרבעט און די אייגענע מיינונג פון אונזערס אַ באַקאַנטן יידישן שרייבער, און מיר באַגניגענען זיך דערפאַר בלויז מיט די צוויי אומבאַדינגט נויטיקע באַמערקונגען.

## די אפּשלוס־פייערונג

איז אָפּגעלעגט געוואָרן פונעם 8־טן אַפּריל אויפן 15־טן אָדער 22־טן פון חודש.

• •

אויך, כדי דאָס העפטל זאָל זיין אינגאַנצן געווידמעט י. ל. פּרץ, לכבוד זיין 30־יעריקן יאָרצייט, איז צווישן אַנדער מאַטעריאַל אויך אָבגעלעגט געוואָרן פאַרן נעקסטן העפטל; דער צווייטער אַרטיקל פון אהרן גאלדבערג איבער דר. י. מ. זאלקינד.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין גרענד־פּאַלעי, קאָמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער.

שבת, דעם 7־טן אַפּריל, שלמה גאָלדענבערג איבער פּרצעס שאַפן אין העברעאיש. י. טיגער: פּרצעס איינפלוס אויף די אייראָפּעאישע יידן.

שבת, דעם 14־טן, משה עובד איבער פּרצן דעם דראַמאַטורג. דראַמע־קרייז ביים קולטור־קלוב וועט אויפפירן פּרצעס „עס ברענט".

שבת, דעם 21־טן, אַ שלום־עליכם־פייערונג צום 29־טן יאָרצייט.

שבת, דעם 28־טן, ד־ טראַדיציאָנעלע ל"ג־בעומר נאָכמיטאָג.

** קעשאַוואַטע—אַ קליין דערפל אין אוקראַינע, נעבן באַסלעוו, קיעוו. גוב.


א. נ. שטענצל

פערלאַג און דרוקערייי י. נאַראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.

פּרייז ־/1.



לאנדאן-ווייטשעפל

מאי, 1945—נומער 64


# ערב־שלום־העפטל

## ערב שלום-שטימונג...

„אין שלום בעצמי מפני חטאתי"
(תהלים).

1

באַלד וועלן קלינגען די גלאָקן: שלום! שלום!! באַלד וועלן די מאַסן באַטרונקענע פון פרייד ארומלויפן אין די גאַסן צעהוליעטע און צעהילכטע: שלום! שלום!! יאָ, ס'איז אַ גרויסע פרייד, אַז באַמבעס וועלן מער נישט פאַלן איבער מענטשלעכע קעפּ, יעדע רגע נישט מער איינגעשטעלט זיין מיטן לעבן, נישט אויפגעציטערט פון מינדסטן גערויש; יאָ, ס'איז אַ גרויסע שמחה פאַר טאַטע־מאַמעס, אַז זייערע זין און טעכטער וועלן באַלד אַהיימקומען פון די שלאַכטפעלדער!

באַלד וועלן די גאַסן אויפפלאַטערן ווי צעוויקלטע פענער פון הילכיק געלעכטער — אַ ווילדע פאַרשייטקייט וועט די גאַנצע שטאָט ארומכאַפּן, ווי אַ געליבטע, ווי אַ וואַרטנדיקע פרוי נעמט ארום איר מאַן, איר געליבטן אהיים־קערנדיק פונעם שלאַכטפעלד, דעם גיבור, דעם זיגער. אַ שוימענדיקע שאַמ־פּאַניער פלאַש, ווען דער פּראָפּן שיסט אויס, וועט די שטאָט אויפברויזן אין איר ווילדער באַגייסטערונג.

יאָ, אַ גרויסע באַגייסטערונג וועט די גאַנצע וועלט ארומנעמען, ווען די כלי־משחית וועלן זיך אָפּשטעלן! איז דען די איצטיקע מלחמה נישט געווען צו באַקעמפן דאָס שלעכטס פון דער ערד, דאָס אכזריותדיקסטע? איז עס דען נישט די מלחמת גוג־ומגוג? האָבן מיר יידן דען נישט אדורכגעמאַכט די חבלי של משיח?!

2

אָבער נישט דער געקלינג פון די קירכן־גלאָקן און נישט די פּרימיטיווע פרייד, נישט דער פרומער טומל און נישט די ווילדע באַגייסטערונג, פּונקט ווי נישט דער פּאָליטישער געפּלאָנטער פון שנעלע פאַרשווינען מיט זייערע זיידענע הענטשקעס פלינק אַרויפגעצויגענע אויף זייערע מאַנעקירטע פינגער זיינען אַ גענוגענדיקע גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דער קומענדיקער וואָפנשטיל־שטאַנד איז אבסאָלוט אַנדערש ווי דער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; אַ חוץ דאָס, אפשר, וואָס די איצטיקע איז אַ בלוטיקערע, אַן אכזריות־דיקערע, אַ חוץ דאָס וואָס די געפאַלענע, די פאַרוואונדעטע ציילן זיך אַצינד אין גרעסערע דימענזיעס, די מיליאָנען פאַרטאָפּלען זיך, אַ חוץ דאָס וואָס דער יידישער בראָך, דער יידישער צער איז אין לשער — — —